STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03095

YIDISHE GESHIKHTE

Ignacy Schiper

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פארלאג
„אחי ספר"
ווארשע

דר. יצחק שיפּער

יידישע געשיכטע

(ווירטשאַפטסגעשיכטע)

פאַרלאַג „אחיספר" בײַ געז. „צענטראַל" וואַרשע, נאַוואָליפּקי 7.

דר. יצחק שיפער

יידישע געשיכטע

פערטער באַנד

פאַרלאַג „אחיספר" ביי געז. „צענטראַל" װאַרשע, נאָװאָליפּקי 7.

1 9 3 0

Zakład graficzny „Stereotyp"
Warszawa, Nowolipki 7.

Printed in Poland

מיטלאָלטער

קאַפּיטל איין און פערציק

שוץ און שטייער־פאַרהעלטענישן פון די יידן אין פּוילן
(1350—1500)

§ 117 שוץ־פאַרהעלטענישן.

דער שטאַנדפּונקט, לויט וועלכן מען האָט אין פּוילן בעת דער באַהאַנדלטער תקופה נאָרמירט דאָס יידישע שוץ־פאַרהעלטעניש, איז געווען איבערגענומען פון מערב: די יידן זענען געווען קאַמער־קנעכט פון די קעניגן. פונדעסטוועגן האָט זיך אין פּוילן די לאַגע פון די יידן גאַנץ אַנדערש געפורעמט, ווי אין דעם רוב מערבדיקע מלוכות.

אין דייטשלאַנד, פראַנקרייך און איטאַליע האָט זיך, ווי שוין באַוואוסט, נאָך אין 11־טן י״ה אָנגעהויבן דער צעשפּליטערונגס־פּראָצעס פונם יידישן רעגאַל און די יידן האָבן באַקומען וואָס ווייטער, אַלץ מער שוצהאַרן־עקספּלאָטאַטאָרן איבער זיך.

אין פּוילן, דאַקעגן, איז דער יידן־רעגאַל ביז דעם סאַמע סוף פון מיטלאַלטער געלעגן פעסט אין די הענט פונם קעניג, און די פּרוואוון פונם אַדל, ווי אויך פון די שטאָט־ראַטן, צו באַקומען רשות איבער די יידן, האָבן נישט געגעבן קיין שום ממשותדיקע רעזולטאַטן.

אין דער פראַגע פונם יידן־רעגאַל האָט זיך אין פּוילן די קעניגלעכע מאַכט אַרויסגעוויזן אַ סך שטאַרקער, ווי אין ענגלאַנד, שפּאַניע, בעמען און אונגאַרן, וואו די קעניגן האָבן אין אַ זייער באַדייטנדיקער מאָס באַוויזן צו דערווייטערן פונם דאָזיקן עקספּלאָאַטאַציע־רעכט אַלע איבעריקע מאַכט־פאַקטאָרן.

פאַראַן נאָך אַ צווייטער, זייער עיקרדיקער אונטערשייד, און דאָס איז דער אופן, אויף וועלכן מען האָט אויסגענוצט דעם יידן-ענין אין די מערב-לענדער און אין פוילן. אין מערב איז דער ענין — מיט גאַנץ קליינע אויסנאַמען — דערפירט געוואָרן ביז צו דער מדרגה פון רויב-ווירטשאַפט.

מען האָט זיך אַלץ ווייניקער גערעכנט מיט דעם נוצן, וועלכן עס ברענגען די יידן פאַר דער פאָלקס-ווירטשאַפט — און מען האָט געהאַט אין אויג בלויז דעם מאָמענטאַלן געווינס.

דאָס באַלעבאַטעווען מיטן יידן-רעגאַל איז אינם רוב מערב-לענדער, זינט לערך דער העלפט פונם 14-טן י״ה, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קורצזיכטיק סיסטעם פון געוואַלדטאַטן און אויספּלינדערונגען, וואָס האָבן כאַאָטיזירט דאָס ווירטשאַפטס-לעבן (בפרט די קרעדיט-פאַרהעלטענישן) און געשאַפן פאַר די יידן ממש אַ גיהנום.

אַנדערש איז עס אָבער געווען אין פוילן. עס לאָזט זיך אפילו נישט זאָגן, אַז די פוילישע קעניגן זאָלן האָבן געפירט אַ וועלכע ס׳איז ווירטשאַפטס-פּאָליטיק לגבי די יידן, מיט ווייטע פּערספּעקטיוון און לויט אַ דורכגעטראַכטן פּלאַן. עס בלייבט אָבער פאָרט אַ פאַקט, אַז זיי האָבן, אין פאַרגלייך מיט די מערבדיקע מאַכטהאָבערס, אַרויסגעוויזן אַ סך מער טאָלעראַנץ לגבי זייערע קאַמער-קנעכט און געשאַפן אַ סך מער מעגלעכקייטן פאַר אַ פרייען שפּיל פון די ווירטשאַפטס-פעאיקייטן, וועלכע עס האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט די יידישע איינוואַנדערער.

אַגב, קומט דערביי אויך אין באַטראַכט דער מאָמענט, וואָס פוילן איז אין פאַרגלייך מיט די מערב-לענדער ביזן סוף פון מיטל-אַלטער געבליבן הינטערשטעליק אין דער ווירטשאַפטלעכער קולטור און עס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ רוי לאַנד מיט זייער גינסטיקע ווירטשאַפטלעכע באַדינגונגען.

ווי ווייט די פוילישע קעניגן האָבן פאַרשטאַנען אָפּצושאַצן די באַדייטונג פון די יידן אַלס אַ ווירטשאַפטלעכן פאַקטאָר, וואָס פאַרדינט, אַז מען זאָל אים שיצן און האַלטן אין לאַנד, באַווייזט פאָלגנדיקע שטעלע פון אַ שוץ-בריוו, וואָס איז אונדז אויפגעהיט געוואָרן פון דער צייט פונם קעניג וולאַדיסלאַוו יאַגיעלאָ: „די יידן זענען, וואָס אמת, פאַר אַ סך מענטשן פאַרהאַסט, — זאָגט דער קעניג אינם שוץ-בריוו, — און די קריסטן באַציען זיך צו זיי מיט

פּיינטשאַפט... פונדעסטוועגן האָבן מיר מיטלייד מיט די, וואָס ווערן טאָלערירט אויך דורכן געטלעכן געזעץ, און מיר שיצן זיי, ווארים מיר ווייסן, אַז ווען מיר זאָלן פון זיי דערווייטערן אונזער באַשיצנדיקע האַנט, וואָלטן די קריסטן פאַר זיי געוואָרן אַזוי געפערלעך, אַז ווייער לעבן וואָלט זיך געפונען אין סכנה אָדער זיי וואָלטן געמוזט צוליב די רדיפות, פאַרשפּאָטונגען און באַליידיקונגען אויסוואַנדערן פון דער מלוכה".

אַזוי האָט געקוקט אויף דער פראַגע פונם יידן-שוץ קעניג וולאַדיסלאַוו יאַגיעלאָ, וועלכער האָט דאָס קריסטנטום אָנגענומען צוזאַמען מיט דער פּוילישער קרוין און וועגן וועלכן מען וואָלט גיכער געקאָנט משער זיין, אַז ער וועט – ווי דער שטייגער איז שוין ביי משומדים – איבערליציטירן די קריסטן אינם יידן-האַס...

ענלעך האָט זיך באַצויגן צו דער פראַגע פונם יידן-שוץ דער קעניג קאַזשימיעזש יאַגעלאָנטשיק. נישט געקוקט דערויף, וואָס אַזעלכע פּראָמינענטע קירכע-פאַרשטייער, ווי דער היסטאָריקער יאַן דלוגאָש און דער קאַרדינאַל זביגניעוו אָלעשניצקי האָבן אים כסדר געהעצט קעגן יידן און וואָס מען האָט אפילו גענומען צו הילף דעם טרויעריק-באַרימטן מאַנאַך קאַפּיסטראַנאָ, גיט דער קעניג אַנצוהערן אין אַ אָפיציעלן דאָקומענט פונם יאָר 1456, אַז ער וועט די יידן „נישט דערנידעריקן דורך אָפּזאָגן זיי זיין קעניגלעכע באַגינסטיקונג" (benignitas), וואָרים אַזוי דיקטירט אים דער פּרינציפּ „פון טאָלעראַנץ" (humanitas), וואָס ווערט באַריקזיכטיקט אויך דורכן געטלעכן געזעץ".

נאָך בולטער ווערט דערדאָזיקער טאָלעראַנץ-פּרינציפּ אויסגעדריקט אין אַ דאָקומענט פונם קעניג אַלעקסאַנדער (1504). ער דערקלערט דאָ אָפיציעל, אַז ער האַנדלט אין באַצוג צו יידן, ווי עס פּאַסט פאַר „קעניגן און מאַכטהאָבער, וואָס צייכענען זיך אויס מיט טאָלעראַנץ נישט בלויז לגבי באַקערער פונם קריסטלעכן גלויבן, נייערט אויך לגבי אָנהענגער פון אַנדערע רעליגיעס" („Dum regum et quorumvis principancium id fere proprium existat, ut non solum religionem christianam profitentibus, quam etiam quibusvis subiectis fidelibus de quacunque professione existentibus se liberales exhibeant...")

אַז דאָס זענען נישט געווען סתּם קיין פּוסטע רייד, וועלן אונז

איבערצייגן די קאַפּיטלען, אין וועלכע מיר שילדערן די אימפּאָזאַנטע ווירטשאַפטס-טעטיקייט פון די פּוילישע יידן, וואָס האָט זיך אין אונזער תקופה אַנטוויקלט אין אַ גרויסער מאָס אַ דאַנק דער פּראָטעקציע מצד די קעניגן.

§ 118 די שטייער-פאַרהעלטענישן פון דער באַהאַנדלטער תקופה.

אין פּוילן האָבן זיך די קעניגן אַלס באַלעבאַטים פונם יידן-רעגאַל געווײנלעך באַנוגנט מיט נאָרמאַלע שטייערן. „יידן-שולדטוי-טונגען" אין דעם מאָסשטאַב ווי מיר באַגעגענען זיי אין מערב, זענען אין פּוילן ביזן סאַמע סוף פון מיטלאַלטער נישט באַוואוסט.

אויך האָבן זיך די פּוילישע קעניגן נישט באַפלעקט מיט אַזעלכע ווילדע סיסטעמען פון עקספּלאָאַטאַציע, ווי אינדיווידועלע אָדער מאַסן-אַרעסטן, אינסצעניזירטע עלילות-דם-פּראָצעסן, גירושים וכדומה.

אין קעגנזאַץ צו די פאַרהעלטענישן אינם „פאָרטגעשריטענעם" מערב, וואו די יידן-שוצהאַרן פלעגן לייגן דעם שווערפּונקט אויף אויסערגעוויינלעכע שטייערן און אויספּרעסונגען, איז דער שווערפּונקט אין פּוילן געלעגן אויף דער פלאַך פון נאָרמאַלע, יערלעכע שטייערן און אָפּצאָלונגען.

אָט איז דאָס בילד פון די וויכטיקסטע שטייערן און אָפּצאָלונגען, וועלכע פּוילישע יידן האָבן בעת דער באַהאַנדלטער תקופה אַריינגעטראָגן אין מלוכהשן אוצר.

א) נאָרמאַלע שטייערן און אָפּצאָלונגען.

1. דער יאָרלעכער צענזוס (census annuus): ווי מיר האָבן דאָס שוין אין אַן אַנדערן צוזאַמענהאַנג דערמאָנט, האָבן די יידן יעדעס יאָר אַריינגעטראָגן לטובת דעם קעניג צו 4 גילדן פון יעדן געמויערטן און צו 2 גילדן פון יעדן הילצערנעם הויז, אין וועלכן זיי האָבן געוואוינט.

פאַר דעם „צענזוס" איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך די קהילה און די לעצטע האָט זיך אויך פאַרנומען מיטן איינמאָנען דעמדאָזיקן הויז-שטייער.

ביים סאַמע סוף פון מיטלאַלטער (1498) באַגעגענען מיר אַ

יידישן באַנקיר, ר' פ י ש ל פ ו ן ק ר אָ ק ע, וועלכן דער קעניג האָט אָנגעטרויט איינצומאָנען דעם יידן-צענזוס פון אַלע גרויספוילישע יידן.

ביים אָנהייב פון 16-טן י"ה ווערט דאָס באַנוצן זיך מיט יידישע באַנקירן אַלס איינמאָנער פונם „צענזוס" אַ סיסטעם. די הכנסה פונם יידישן „צענזוס" האָט ביים סוף פון מיטלאַלטער באַ-טראָפן לערך 1.700 גילדן פון די קהילות אין פוילן און לערך 250—300 גילדן פון די קהילות אין מ אַ ז אָ וו ש ע.

גרויסע קהילות, ווי לעמבערג, קראָקע און פויזן האָבן דעמאָלט געצאָלט צו 200 גילדן „צענזוס", אַלע איבעריקע קהילות דורכשניטלעך צו 23 גילדן אַיעדע.

קהילות, וואָס זענען רואינירט געווען דורך שריפות, פיינטלעכע איבערפאַלן וכדומה פלעגט דער קעניג אויף אַ צייט באַפרייען פונם „צענזוס".

2. צ אָ ל - אָ פּ צ אָ ל ו נ ג ע ן: יידישע סוחרים האָבן זיי געצאָלט לטובת דעם קעניג אין דערזעלבער מאָס, ווי קריסטלעכע סוחרים. מאַנכע, באַזונדערס פּריווילעגירטע סוחרים פון צווישן די יידן, פלעגט דער קעניג באַפרייען פונם צאָל. לויט די גענעראַל-פּריווילעגיעס פון די פוילישע יידן איז לחלוטין פריי געווען פון מס דאָס איבערפירן יידישע מתים.

3. אָ פּ צ אָ ל ו נ ג ע ן פ אַ ר ק אָ ל ע ק ט י וו ע אָ ד ע ר א י נ-ד י ווי ד ו ע ל ע פּ ר י ווי ל ע ג י ע ס.

4. ה כ נ ס ו ת פ ו נ ם ק ע נ י ג ל ע כ ן י ר ו ש ה - ר ע כ ט: דאָס פאַרמעגן, וואָס איז פאַרבליבן נאָך אַ ייד, וואָס איז געשטאָרבן אָדער ערגעץ אַהינגעקומען און וואָס האָט נישט איבערגעלאָזט קיין יורשים, פלעגט איבערגעענטפערט ווערן דעם קעניג.

אַן אינטערעסאַנט ביישפּיל ווערט אונז איבערגעגעבן פון יאָר 1501: טאָטערן האָבן דעמאָלט אַוועקגעפירט אין געפאַנגענ-שאַפט איינע אַ רייסישע יידישקע. ווען נאָך דער יידישקע איז פאַר-שוואונדן געוואָרן יעדער זכר, איז דעם קעניג אויסגעצאָלט געוואָרן דאָס ביסל געלט (סך-הכל 20 גילדן), וועלכעס די יידישקע האָט גע-האַט איבערגעלאָזט אין דעפּאָזיט ביי איינעם אַ ייד ש ב ד י.

5. אָ פּ צ אָ ל ו נ ג ע ן ל ט ו ב ת ד י ק ע נ י ג ל ע כ ע ב אַ אַ מ ט ע: פון דידאָזיקע לייסטונגען ווערן אין די קוועלן דערמאָנט געלט-שטראָפן און פלערליי „מתנות". לויט אַן אָפּמאַך פון י. 1475 זענען די יידן

פון דער לעמבערגער פאַרשטאַט מחויב געווען צו צאָלן לטובת דעם וואָיעוואָדע אָדער דעם סטאַראָסטע אַ סומע פון 5 מאַרק אַ יאָר.

ב) אויסערגעוויינלעכע שטייערן און לאַסטן.

1. מלחמה-שטייערן: אין יאָר 1496 שרייבט אויס דער קעניג יאַן אָלבראַכט אַ מלחמה-שטייער, באַשטימענדיק וועגן יידן, אַז „איעדער ייד צאָלט דערויף צו 1 גילדן פון זיין פּערזאָן, ווי אויך צו 12 גראָשן פון זיין ווייב, פון די איבעריקע משפּחה-גלידער און פונם הויזגעזינט".

2. קרוינונגס-שטייערן: די סאַמע פריסטע ידיעה וועגן דעם, אַז יידן האָבן אין פּוילן געצאָלט קרוינונגס-געלטער, איז צו אונז דערגאַנגען פון י. 1512, נאָר מען קאָן משער זיין, אַז זיי האָבן דידאָזיקע געלטער געצאָלט אויך אין מיטלאַלטער.

אין י. 1512 האָבן (צוליב דער קרוינונג פון דער קעניגין באַרבאַראַ) די קרוינונגס-שטייערן באַטראָפן פון אַלע קרוינפּוילישע קהילות צוזאַמען — 235 גילדן.

3. מלוכה-לאַסטן אין נאַטור און אַרבעט: אין אַ טייל שטעט האָבן די קעניגן צוגעצויגן די יידן צו פאַרשיידענע צאָלונגען אין נאַטור אָדער אַרבעט.

לויט אַן אָפּמאַך פון י. 1475, זענען די יידן אין דער לעמבערגער פאַרשטאַט מחויב געווען: א) צו היטן גנבים און אָפּצופירן זיי „אויפן שלאָס" (אין געריכט); ב) אויסצופירן געוויסע אַרבעטן אין די קעניגלעכע גאַרבערייען; ג) צו ליפערן פאַר דער קעניגלעכער סוויטע, ווען זי איז געקומען קיין לעמבערג, אַ געוויסע צאָל פערד און וועגעלעך, ווי אויך פּראָדוקטן פאַר דער קעניגלעכער קיך; ד) צו צאָלן אַ צינז אויף צו פאַרשטאַרקן די שמירה פון דעם קעניגלעכן שלאָס.

4. שטראָף-געלטער אויף יידן, וואָס זענען באַגאַנגען אַ פאַרברעכן קעגן די אינטערעסן פונם קעניג.

באַלאַנגענדיק אויסשליסלעך צום קעניג, זענען די פּוילישע יידן אין פּרינציפּ באַפרייט געווען פון וועלכע ס'איז שטייערן און אָפּצאָלונגען לטובת וועלטלעכע אָדער גייסטלעכע שררות אָדער שטעט.

פונדעסטוועגן האָט זיך די לעצטע איינגעגעבן צוציען די קעניגלעכע קאַמער-קנעכט צו געוויסע, אַגב, נישט איבעריק גרויסע שטייער-לייסטונגען.

אזוי, אַ שטייגער, האָבן די יידן אין טאַרנאָוו — לויט אַ ידיעה פון י. 1498 — געצאָלט דעם שטאָט-שררה אַ געוויסן אָפּצאָל פונם דעטאַיל-האַנדל מיט שניט-סחורות, גערופן „קראַזקאָווע".

לויט אַ באַשלוס פון אַ קירכע-סינאָד, וואָס איז פאָרגעקומען אין קראָקע (1420), זענען די יידן מחויב געווען צו צאָלן דעם פּאַראַפיע-גלח פון זייערע וואוינערטער אַ געוויסן צינז.

אויב אויף אַ קריסטלעך הויז, וואָס איז אַריבער אין רשות צו אַ יידן, האָבן געלאַסטעט געוויסע לייסטונגען פאַר קירכלעכע צוועקן, איז דער ייד מחויב געווען זיי אויסצוצאָלן. אַזויווי ס'וואָלט נישט פאָרגעקומען קיין שום שינוי אין דעם באַזיץ פונם הויז.

צום סוף פון 14-טן י"ה ווערן די יידן אין די פּוילישע גרויס-שטעט, ווי, למשל, אין קראָקע און פּויזן, געצוואונגען צו צאָלן לטובת די שטעט אַ גרונט-שטייער. דעם גרונט-שטייער האָט מען באַרעכנט בלויז פון יענע יידישע הייזער, וואָס זענען אָפּגעקויפט געוואָרן פון קריסטן.

אַ באַזונדער קאַפּיטל פונם יידיש-פּוילישן שוץ- און שטייער-וועזן שטעלן מיט זיך פאָר די פאַרהעלטענישן אין מאַזאָוושע: די פּראָווינץ מאַזאָוושע איז בעתן גאַנצן מיטלאַלטער געווען אַן אומאָפּהענגיק פירשטנטום און די יידן פון דערדאָזיקער פּראָווינץ זענען געווען אונטערגעוואָרפן אויסשליסלעך די מאַזאָווישע פירשטן.

דאָס יידישע שטייער-וועזן איז דאָ אין די הויפּט-שטריכן געווען ענלעך צו דעם שטייער-וועזן אין קרוין-פּוילן. דער יאָרלעכער יידישער „צענזוס" האָט דאָ אין 15-טן י"ה באַטראָפן פּונקט אַזויפיל, ווי אין קרוין-פּוילן, דהיינו, צו 4 און צו 2 גילדן פון אַ יידיש הויז.

קאַפּיטל צוויי און פערציק

דער אָנטייל פון די יידן ביי דער דאָרפישער
קאָלאָניזאַציע אין פוילן
(ביזן סוף פון 15-טן י״ה)

§ 119 יידן אַלס ערד-באַזיצער.

אַנאַליזירנדיק דעם קוועלן-מאַטעריאַל, וואָס באַקענט אונז מיטן ווירטשאַפטס-לעבן פון די פוילישע יידן אין די לעצטע אַנדערטהאַלבן הונדערט יאָר פון מיטלאַלטער, שטויסן מיר זיך אָן אויף אַ דערשיינונג, וואָס אָן ענלעכע צו איר האָבן מיר געקאָנט אין דערזעלבער צייט פעסטשטעלן בלויז אין שפּאַניע און אויף אייניקע אינזלען פונם מיטל-לענדישן ים, ווי, צ. ב. שטייגער, אין סיציליע.

מיר זענען אויסן די באַטייליקונג פון יידן אין דער לאַנדווירטשאַפט.

אין פוילן זענען די יידן בעת דער באַהאַנדלטער תקופה אויף דרייערליי וועגן געקומען צו דאָרפישן ערד-באַזיץ און צו לאַנדווירטשאַפטלעכער באַשעפטיקונג: 1) אַלס באַנקירן, אין וועמענס רשות עס זענען אַריבער דאָרפישע ערד-שטחים אַלס דעקונג פון געלט-תביעות; 2) אַלס דאָרפישע קאָלאָניזאַטאָרן, וועמען דער קעניג האָט אָנגעטרויט די מיסיע פון באַגרינדן און אייַנאָרדנען דערפער און 3) אַלס קאָלאָניסטן, וועלכע דער יידישער „לאָקאַטאָר״ (קאָלאָניזאַטאָר) פלעגט באַזעצן אין די דערפער — אָדער סתם אַלס באַזיצער פון פעלדער און גערטנער, וואָס האָבן פונם אומבאַוועגלעכן באַזיץ אויפן פלאַכן לאַנד געצויגן זייער יניקה.

דעם ערשטן מין יידישע באַזיצער פון דאָרפישע ערד-שטחים באַגעגענען מיר ס'רוב אין די מערבדיקע און מיטעלע פראָווינצן פון פוילן (דהיינו: אין גרויס-און קליין-פוילן), די איבעריקע צוויי מינים — דערעיקרשט אין די מזרח-געגנטן פון דער פולישער מלוכה (בפרט אין רויט-רייסן).

פון דער צווייטער העלפט פון 14-טן און פון אָנהייב 15-טן י"ה זענען אונז דערהאַלטן אין די אַקטן אַ ריי ביישפילן, וועלכע באַווייזן, אַז די פראַקטיק פון לייען אויף אומבאַוועגלעכע משכנות פלעגט אַ סך מאָל יידן אַריינפירן אין באַזיץ פון דאָרפישע גיטער.

לויט די גענעראַל-פריווילעגיעס, וועלכע די יידן האָבן באַקומען פונם קעניג קאַזשימיעזש דעם גרויסן און וועלכע זענען אין שפעטערע צייטן באַשטעטיקט געוואָרן דורך כמעט אַלע פוילישע קעניגן, זענען די געריכטן מחויב געווען צוצופסקענען דעם יידישן בעל-תביעה דעם אומבאַוועגלעכן משכון פון בעל-חוב, אויב דער לעצטער איז אויפגעפאָדערט געוואָרן צו באַצאָלן דעם חוב און ער האָט דאָס געלט נישט געסילוקט צו דער צייט.

דער ייד האָט דאַן געהאַלטן די ערד, ביז דער חוב איז אינגאַנצן אָפּגעצאָלט געוואָרן.

ס'פלעגט אויך טרעפן, אַז דער ייד האָט די ערד איבערגעגעבן צו אַ קריסטלעכן אַדמיניסטראַטאָר (געוויינלעך צו אַ שליאַכטשיץ) וועלכער איז דעם ייד מחויב געווען איבערצוגעבן די הכנסות פון דעם גוט. צוזאַמען מיט דער ערד, וואָס איז ביים יידן פאַרמשכונט געוואָרן, פלעגן אויך פאַרמשכונט ווערן די פויערים, וואָס האָבן אויף איר געלעבט, אָדער די הכנסות, וועלכע זיי פלעגן אַריינטראָגן דעם שררה.

די פראַקטיק פון די גרויס-פוילישע און קליין-פוילישע געריכטן זאָגט עדות, אַז מען פלעגט דעם יידן—דעם בעל-תביעה צופסקענען נישט בלויז דעם באַזיץ, נייערט אויך דאָס אייגנטום פון דער ערד, וואָס איז צו אים איבערגעגאַנגען צוליב די חובות.

— מיר גיבן דאָ איבער אַ פּאָר ביישפילן, וואָס אילוסטרירן דידאָזיקע פאַרהעלטענישן:

אין י. 1386 פאַרנעמט דער פוזנער ייד אָסטראָש אַלס אייגנטום דאָס גוט סראָטשקאָ, וואָס איז צו אים פאַרמשכונט געוואָרן אויפן סמך פון צוויי שטרי-חובות.

אין דעמזעלבן יאָר ווערן צו דער פויזנער יידישקע יאָרדאַנאָווא פאַרמשכּונט דערפער: ביטניאַ, מלאָדאווסקאָ און נאָיעוואָ.

אין י. 1389 פסקנט צו דאָס געריכט דעם פויזנער יידן שבדי אַ טייל פונם גוט אָסוויאָוואָ.

אין י. 1390 נעמט איבער דער קראָקעווער ייד יאָסמאַן, אַלס דעקונג פון זיינע געלט-תביעות, די גיטער פונם שררה דזשיעוויעזש פון פזשעסלאַוויק.

אין י. 1393 פאַרנעמט דער פויזנער ייד מושקאָ (משה) די גיטער פאָניטש אין גאָסטין בדרך עקזעקוציע.

אין י. 1397 זענען ביים פויזנער ייד אברהם פאַרמשכּונט ערד-שטחים פון דעם גוט אביעזשיעזש.

דער ייד באַקומט דאַן די שטחים אַלס אייגנטום און ער באַזעצאַמעוועט מיט זיי. דעם בעל-חוב געפעלט עס נישט און ער מאַכט אַן אָנפאַל אויף אברהמען, כּדי אים צו באַזייטיקן פון דער פאָסעסיע.

דער ענין ווערט דערלאַנגט צום געריכט און דאָס לעצטע אָנערקענט דאָס אייגנ-טומס-רעכט פונם יידן, באַשטראָפנדיק אינאיינוועגס דעם אָנפאַלער מיט אַ גרויסער געלט-שטראָף.

אַרום דערזעלבער צייט זענען צום פויזנער יידן פאַרמשכּונט פאָסעסיעס אין מער, ווי אַ צענדליק גיטער.

אין י. 1404 באַקומט דער קראָקעווער ייד שמערלין צוגעפסקנט אַלס דע-קונג פון זיינע תביעות, וואָס האָבן באַטראָפן 700 מאַרק — דריי דערפער: דזשיער-זשאַנינאַ, באַראָווא און פאַלעשניצאַ. דער אורטייל זאָגט, אַז דער ייד באַקומט די דערפער אויף אייביק און אומבאַגרענעצט אייגנטום („cum omnibus iuribus, utilitatibus, dominio etc. in perpetuum“)

אַרום דערזעלבער צייט זענען ביים קראָקעווער גביר לעוואָקאָ פאַרמשכּונט גיטער פונם מאַזאָווישן פירשט זשיעמאָוויט, ווי אויך ערד-שטחים אין דעם דאָרף פראָנדניק.

אין י. 1411 פאַרנעמט דער קאַלישער ייד דוד אומבאַוועגלעכע גיטער פון אַ געוויסן מיכאל באַרטשסקי.

אין י. 1427 זענען צום וואַרשעווער יידן אַלעקסאַנדער פאַרמשכּונט געוואָרן די דערפער דאָמבראָווקאַ און סאָקאָלאָוו. צוזאַמען מיטן דאָרף סאָקאָלאָוו באַקומט דער ייד אַלס משכּון אויך אַ טייל פונם לעבעדיקן אינווענטאַר: 2 קי, 2 פערד און 6 חזירים.

אין י. 1432 ווערט אַלעקסאַנדער פאַרמשפּט דורכן געריכט צוריקצוגעבן זיינעם

אַ בעל־חוב אַ פֿאַרמשפּטע נחלה. עס ווערט אים אָבער דערלויבט פֿריער איינצוזאַמלען דעם שניט פֿון דער נחלה.

אין י. 1432 זענען ביי וואַרשעווער יידן פֿאַרמשפּט, אַ חוץ די שוין דערמאָנטע דערפֿער דאָמבראָווקאַ און סאָקאָלאָוו, נאָך אַ פּאָר דערפֿער, ווי כ י אַ נ ט י (Chvanthy), ח י ע ז ש ב נ אָ און אַנדערע.

פֿון די געבראַכטע ביישפּילן דרינגט אַרויס, אַז די געריכטן פֿלעגן צופּסקענען די יידישע באַנקירן נישט בלויז באַזיץ־רעכט אויף די פֿאַרנומענע גיטער, נייערט אויך דאָס dominium, דהיינו, דאָס אייגנטום, וואָס איז דעמאָלט געווען פֿאַרבונדן מיטן רעכט פֿון צו־ציען די באַפֿעלקערונג און די מאַיאָנטקעס צו פּלעריי עפֿנטלעכע שטייערן און מיטן רעכט צו שטעלן זיי פֿאַר געוויינלעכע לאַנד־געריכטן.

צוליב טעמים, וועגן וועלכע מיר וועלן באריכות רעדן אין איינעם פֿון די ווייטערדיקע קאַפּיטלעך, וואו עס וועלן אונז באַשעפֿ־טיקן די קרעדיט־אָפּעראַציעס פֿון די פּוילישע יידן, איז דורך אַ געזעץ פֿון י. 1423 פֿאַרווערט געוואָרן די יידן צו טרייבן אויף להבא וואוכער־געשעפֿטן אויף אומבאַוועגלעכע משכנות.

דאָסדאָזיקע געזעץ איז נישט געבליבן אָן אַ ווירקונג. אין גרויס־ און קליין־פּוילן באַגעגענען מיר זינט יענער צייט קיין איין ידיעה נישט, אַז ערד־באַזיצער זאָלן האָבן צו יידן פֿאַרמשכּונט זייער דאָרפֿישן באַזיץ.

אויב ס׳טרעפֿט אַמאָל אַ פֿאַרצייכענונג אין די געריכטס־אַקטן וועגן אומבאַוועגלעכע משכנות אין יידישע הענט, באַלאַנגט זי אויס־שליסלעך צו אַזעלכע היפּאָטעקן, ווי הייזער און פּלעצער אין די שטעט.

אַן אויסנאַם שטעלן מיט זיך פֿאָר די מזרח־געגנטן פֿון פּויקן, בפֿרט רויט־רייסן. דאָ האָבן די יידן ביזן סאַמע סוף פֿון 15־טן י״ה נישט אויפֿגעהערט צו טרייבן קרעדיט־געשעפֿטן אויף אומבאַ־וועגלעכע משכנות אָן אונטערשייד, צי דאָס זענען געווען שטאָטישע אָדער דאָרפֿישע גיטער.

בכלל באַקומט זיך פֿון די אַקטן דער איינדרוק, אַז דאָס גע־זעץ פֿון י. 1423 איז אין רייסן לגמרי נישט גענומען געוואָרן אין אַכט.

אַזוי, אַ שטייגער, איז אין י. 1448 ביים לעמבערגער גביר ר׳ ש כ נ א פֿאַרמשכּונט געוואָרן דאָס דאָרף וויניקי, וואָס האָט באַ־לאַנגט צום פּאָדאָליער וואָיעוואָדע.

אין י. 1461 באַרגט אַ געוויסע שליאַכטשיץ-פּרוי אַנאַ און דער זון אירער יאַן פון ניענטשין ביי אַ רייסישן יידל, ר׳ שמשון, 40 מאַרק און זיי פאַרמשכּונען דערויף צוויי דערפער: ניי-שזשעדניע און אלט-שזשעדניע.

ר׳ שמשונען ווערט גלייך איבערגעגעבן דער באַזיץ פון די דערפער און ער איז באַרעכטיקט אַזוי לאַנג צו האַלטן די ערד-שטחים, ביז די בעלי-חובות וועלן אומקערן די הלוואה.

אין י. 1463 פאַרמשכּונט דער שליאַכטשיץ סקאַרבעק ביי דעמזעלבן ר׳ שמשון דאָס דאָרף אָלכאָוויעץ. וועגן די אַלע גע-שעפטן דערוויסן מיר זיך פון די געריכטס-ביכער,—אַ ראיה, אַז זיי זענען געווען טאָלערירט דורך די געריכטן, נישט געקוקט אויף דעם געזעצלעכן פאַרבאָט פונם יאָר 1423.

§ 120 יידן אַלס קאָלאָניזאַטאָרן און קאָלאָניסטן.

וועגן דידאָזיקע מינים יידישע ערד-באַזיצער זענען אונז פאַר-בליבן באַזונדערס אינטערעסאַנטע ידיעות פון דער ערשטער העלפט פון 15-טן י״ה, ווען רייסן האָט איבערגעלעבט אַן אמת גאָלדענע תקופה פון אינטענסיווער קאָלאָניזאַציע-אַרבעט.

נישט געקוקט אויף די כּסדרדיקע איבערפאַלן מצד די טאָטערן, וואָס זענען אין רייסן געווען אַ טאָג-טעגלעכע דערשיינונג, האָט מען דאָ אומדערמידלעך געהאַקט אורוועלדער, געגרינדעט דערפער און שטעט און געשטאַרקט די ווירטשאַפטלעכע קולטור.

ביי דערדאָזיקער אַרבעט האָבן זיך די אַדל-לייט פאַררייניקט מיט די שטאָטישע עלעמענטן. ס׳זענען אין איר איינגעשפּאַנט גע-וואָרן אויך יידן, סיי די, וואָס האָבן פון קדמונים אָן געלעבט אין רייסן, סיי יענע, וואָס זענען דאָ אָנגעקומען ביים איבערברוך פון 14-טן און 15-טן י״ה.

אַ שפּאָר בינטל ליכט וואַרפט אויף דעם יידישן אָנטייל אין דער דאָרפישער קאָלאָניזאַציע די געשיכטע פון דעם רייסישן ייד וואָלטשקאָ (וואָלף) צאָלנער.

אינטערעסאַנט ביז גאָר איז דערדאָזיקער מיטלאַלטערלעכער טיפּ פון אַ רייסישן יידן: אונזער וואָלטשקאָ אַנטוויקלט זיינע ווירטשאַפט-לעכע פעאיקייטן גלייכצייטיק אויף דריי געביטן. ער פאַררייניקט אין

זיין פערזאָן אי אַ מעכטיקן באַנקיר, אי אַ ריירעוודיקן סוחר אי אַן אומדערמידלעכן קאָלאָניזאַטאָר.

דאָ אינטערעסירט אונז דער עיקר וואָלטשקאָ — דער קאָלאָניזאַטאָר.

אין יאָר 1423 באַשטימט אים דער קעניג (וולאַדיסלאַוו יאַגיעלאָ) אַלס אַ וואָיט פונם דאָרף ווערביזש (Werbiż), נישט ווייט פון סאַמבאָר: לויט דעם נאָמינאַציע-דעקרעט זענען די דאָרף-באַוואוינער געווען פאַראַנטוואָרטלעך אין שטראָף-ענינים פאַרן סאָלטיס (שופט), דער לעצטער, ווידער, פאַר וואָלטשקאָ אָדער פאַרן קעניג אַליין.

אַ דאַנק זיין „געניטקייט, פאָרזיכט און באַהאַוונטקייט אין ווירטשאַפטלעכע ענינים” (ווי מען רופט זיך אָפּ וועגן וואָלטשקאָן אין איינעם אַ דאָקומענט), האָט אונזער יידישער קאָלאָניזאַטאָר גענאָסן אַ באַזונדערן צוטרוי ביים קעניג. אין יאָר 1425 באַקומט ער פונם מלך די וויסטעניש ווערבעזשאַ מיטן אויפטראָג, צו באַזעצן דאָרט קאָלאָניסטן און צו גרינדן אַ דאָרף.

וואָלטשקאָ האָט זיין אויפגאַבע אויסגעפירט אין זייער אַ קורצער צייט. עס איז משער צו זיין, אַז צווישן די קאָלאָניסטן, וועלכע ער האָט אַריבערגענומען קיין ווערבעזשאַ, האָבן זיך אויך געפונען יידן. אַ ראַיה דערצו זענען פאָלגנדיקע אומשטענדן: 1. דער לאָקאַטאָר איז געווען אַ ייד; 2. אין דער פראַגע פון אָפּשטאַמונג, שטאַנד און געשלעכט פון די קאָלאָניסטן האָט דער קעניג וואָלטשקאָן אויסדריקלעך געגעבן פרייע הענט; 3. יידן האָבן דעמאָלט געוואוינט אין רייסן — ווי מיר ווילן דאָס ווייטער זען — נישט בלויז אין די שטעט, נאָר אויך אין די דערפער.

שוין אין יאָר 1427 איז די וויסטעניש ווערבעזשאַ געווען באַפעלקערט. וואָלטשקאָ האָט געגרינדעט אַ דאָרף און דער קעניג האָט אים דערפאַר רייך באַלוינט: וואָלטשקאָ באַקומט דאָס רעכט, צו זיין דער וואָיט פונם דאָרף און ער ווערט באַשאָנקען מיט 2 דייטשע לאַנעס ערד, 2 לאָנקעס, אַ הויז, אַ מיל און אַ פיש-טייך.

איבאַיינוועגס האָט דער קעניג פאַראָרדנט, אַז צו וואָלטשקאָן און צו די יורשים זיינע דאַרף געהערן אַ דריט-חלק פון די געריכטס-אָפּצאָלן און אַ זעקסט-חלק פון אַלע איבעריקע הכנסות פון דעם ביי-געגרינדעטן דאָרף.

דערפאַר איז וואָלטשקאָ מחויב געווען צוצושטעלן אַ פערד ביי יעדער מלחמה אין רייסן און צו ליפערן פאַרן קעניגלעכן הויף אַ דריט־חלק פונם אויסגעמאָלענעם מעל אין זיין מיל.

אין פאַרלויף פון זיין ווייטערדיקער קאָלאָניזאַטאָרישער קאַריערע גרינדעט וואָלטשקאָ דאָס דאָרף קאַרטש, וואו ער פאַרנעמט אין 1427 די שטעלע פון אַ וואָיט.

הגם ס׳פעלן אונז בפירושע ראיות, קאָנען מיר דרייסט אָננעמען, אַז אַ דאַנק וואָלטשקאָס באַמיונגען זענען אַנטשטאַנען נאָך אַ שפּאָר ביסל דערפער. דערויף ווייזן אָן די נעמען פון דערפער, וועלכע מיר באַגעגענען צו יענער צייט אין רייסן, ווי וואָלטשקאָוו (Wołczków), וואָלקאָוואַ (Wołkowa), וואָלקאָוו (Wołkow), וואָלטשקאָווצע (Wołczkowce). די נעמען שטאַמען בלי־ספק פונם נאָמען פון זייער יידישן באַגרינדער און, וואַרשיינלעך, אויך זייער אייגנטימער וואָלטשקאָ.

וואָלטשקאָס קאָלאָניזאַטאָרישע טעטיקייט איז געווען אַ דאָרן אין אויג ביי די פוילישע קירכע־שררות. די גלחים האָבן זיך דעריבער געווענדט צום קעניג און האָבן אים געמאַכט פאָרוואורפן צוליב דעם „אומגליקלעכן וואָלטשקאָ", ביז זיי האָבן אויסגעפועלט אַ דערלויבעניש אויף אויסצוקויפן פון וואָלטשקאָס הענט די וואָיט־שטעלע אין ווערביזש און אַ צייט שפּעטער דאָס דאָרף גופא (1432).

דער קעניג האָט זיך באַמיט משפיע צו זיין אויף וואָלטשקאָן, אַז ער „זאָל זיך דערקענען אויף זיין פאַרבלענדונג און ער זאָל צושטיין צו דער הייליקער קריסטלעכער אמונה", אָבער דער ייד איז האַרטנעקיק פאַרבליבן ביים גלויבן פון זיינע אבות. די אַנטטוישונג פונם קעניג איז פונדעסטוועגן נישט געווען קיין שטער, אַז דעם יידן זאָלן ווייטער אָנגעטרויט ווערן וויכטיקע קאָלאָניזאַטאָרישע אויפגאַבן.

דאָס ביישפּיל מיט וואָלטשקאָן זאָגט קלאָר עדות וועגן דעם יידישן אָנטייל אין דער דאָרפישער קאָלאָניזאַציע אויף דער פוילישער ערד. בכלל קאָן מען קאָנסטאַטירן, אַז די יידן האָבן אין פוילן בעתן מיטלאַלטער געהאַט אַ היבשן חלק אין דער אַנטוויקלונג פון דער לאַנדווירטשאַפט. דערויף ווייזט אָן, אַ חוץ די שוין געבראַכטע פּרטים, אַ ריי ידיעות וועגן דערפער וואָס האָבן באַלאַנגט צו יידן

און וואָס האָבן זיך צוליב דעם גערופן Zydatycze, Židowska wola, Židów וכדומה.

ערשט סוף 15-טן י"ה טרעפן מיר אין דער פּוילישער געזעצ־געבונג דעם ערשטן איסור, וואָס פאַרווערט יידן אויפצוקויפן אַקער־ערד. אָנגענומען איז געוואָרן דידאָזיקע החלטה אויפן סיים אין פּעטריקאָוו אין י. 1496.

עס ווייזט אָבער אויס, אַז די החלטה איז געבליבן נישט מער, ווי אויפן פּאַפּיר... אַ ראיה, אַז דער פּוילישער כראָניקער מיעכאָ־וויטאַ, וואָס האָט געלעבט ביים איבערברוך פון 15-טן און 16-טן י"ה, שרייבט וועגן די יידן אין רייסן, אַז מען קאָן צווישן זיי באַגעגענען, אַ חוץ וואוכערניקעס און סוחרים, אויך אַ דריטן מין און דאָס זענען יידישע ערד־אַרבעטער. ווי אַ באַשטעטיקונג פון דער־דאָזיקער כאַראַקטעריסטיק געפינען מיר אָפטע פאַרצייכענונגען אין די געריכטס-ביכער פונם 15-טן י"ה וועגן יידישע ישובים און נחלאות, וואָס האָבן געהערט צו די דאָרפישע שטחים.

קאַפּיטל דריי און פערציק

דער יידישער האַנדל אין פוילן

(1350—1500)

121 § די בלי־תקופה פונם יידישן האַנדל ביזן י. 148.

אַ סך אַ גרעסער אָרט, ווי די לאַנדווירטשאַפט, האָט אינם ווירטשאַפטס־לעבן פון די פוילישע יידן פאַרנומען דער האַנדל.

אַלע פּריווילעגיעס, וואָס זענען די יידן געגעבן געוואָרן דורך קאַזשימיעזש דעם גרויסן (1334, 1364 1367) און וולאַ־דיסלאַוו יאַגיעלאָ (1387) און וואָס זענען באַשטעטיקט געוואָרן דורך אַלע שפּעטערדיקע פּוילישע קעניגן פונם מיטלאַלטער, אַנטהאַלטן באַשטימונגען, וואָס פאַרזיכערן די יידן אומבאַגרענעצטע באַוועגונגס־פרייהייט, היטן זיי אָפּ פאַר מיסברויכן מצד שטייער־נעמער און מלוכה־מינצערס און באַזייטיקן וועלכע ס'איז שטערונגען פאַרן יידישן האַנדל מיט שפּייז־אַרטיקלען.

דערצו קומט נאָך אַ ריי פּריווילעגיעס (פון די יאָרן 1356, 1424, 1432), וואָס האָבן די יידן אויסדריקלעך באַפרייט פון יעדוועדער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די שטאָט־ראַטן און שטאָטישע לאַוניקעס־געריכטן.

אַזוי־אַרום איז געשאַפן געוואָרן פאַר די יידן אַ פעסטע גע־זעצלעכע באַזע אויף צו אַנטוויקלען אַן אומגעשטערטן האַנדל.

צום אויפבלי פונם יידישן מסחר האָבן אָבער אין דער באַ־האַנדלטער תקופה גורם געווען גאַנץ באַזונדערס פאָלגנדיקע מאָמענטן:

א) די פּוילישע שליאַכטע האָט פּראָטעזשירט דעם יידישן האַנדל, אום דערמיט צו טרעפן דאָס פּוילישע בירגערטום, וואָס איז

על-פי-רוב באשטאנען פון דייטשע עלעמענטן און וואָס איז צוליב דעם פאַרהאַסט געווען ביי די אַדל-לייט. אגב, האָבן דערביי אויך מיטגעווירקט ריין עקאָנאָמישע פאַקטאָרן: דער שליאַכטע האָט שטאַרק געלוינט צו שטיצן די יידן, מחמת די לעצטע האָבן גוט געצאָלט פאַר דער פּראָטעקציע און, והשנית, זענען די יידישע קאַפּיטאַלן פאַר איר געווען אַ סך וויניקער געפערלעך, ווי די קאַפּיטאַלן פון די רייכע פּאַטריציער-משפחות.

ב) דער פּוילישער האַנדלס-קלאַס איז בעתן מיטלאַלטער געווען זייער שוואַך אָרגאַניזירט און דאָס האָט שטאַרק פאַרשווערט זיין קאַמף קעגן די יידן. אַזעלכע שטאַרקע אָרגאַניזאַציעס, ווי די סוחרישע גילדעס אין מערב (נישט רעדנדיק שוין וועגן אַזאַ מאַכט-פאַקטאָר, ווי די האַנזאַ) טרעפן מיר כלל נישט אינם מיטלאַלטערלעכן פּוילן. די ערשטע שפּור פון אַ סוחרישער פאַראייניקונג לאָזט זיך אין אַזאַ אַלטער האַנדלס-שטאָט, ווי קראָקע, אויפזוכן נישט פריער, ווי אין י. 1410. די שפּור גייט באַלד דערויף פאַרלאָרן: אַ ראיה, אַז די פאַראייניקונג איז נישט געווען קיין לעבנס-פעאיקע. אין לעמבערג האַלט זיך דער קריסטלעכער האַנדל בעתן גאַנצן מיטלאַלטער אויף די כוחות פון יחידים.

ג) אין קעגנזאַץ צו די פּוילישע שטעט, וואָס האָבן ביזן סאַמע סוף פון מיטלאַלטער נישט באַוויזן צו באַשאַפן אַ פאַרבאַנד צו שיצן געמיינזאַם זייערע אינטערעסן, האָט צווישן די יידישע ישובים געהערשט אַ טראַדיציאָנעלע סאָלידאַריטעט, וואָס איז נישט איינמאָל געקומען צום אויסדרוק אין בשותפותדיקע אַקציעס אויף אויסצופועלן פּריווילעגיעס, אָפּצוווענדן סכנות א. אַז. וו.

ד) אַ געוויסע באַדייטונג האָט אויך דער פאַקט, וואָס די פּוילישע קעניגן האָבן כלל נישט געפירט קיין ציל-באַוואוסטע האַנדלס-פּאָליטיק. די האַנדלס-פאַראָרדענונגען, וועלכע זיי האָבן אַרויסגעגעבן אין פאַרשיידענע צייטן, זענען כסדר געווען אַ רעזולטאַט פון זייטיקע איניציאַטיוועס. די קעניגן פלעגן די פּאָליטישע אינטערעסן שטעלן אַ סך העכער, ווי די האַנדלס-אינטערעסן, אַפילו ווען די לעצטע זענען אין געוויסע מאָמענטן פאַקטיש געווען פון אַן ערשט-ראַנגיקער באַדייטונג.

נישט זייענדיק איבעריק פאַראינטערעסירט אין דער אַנטוויקלונג פון די שטעט, האָבן זיך די קעניגן נישט געאיילט צו געבן די

שטאָט-לייט אַזעלכע קאָנצעסיעס, וואָס וואָלטן געקאָנט פאַרשוואַכן דעם האַנדל און די קאַפּיטאַל-קראַפט פון די יידן, צו וועלכע זיי פלעגן כסדר אָנקומען נאָך קרעדיט אָדער נאָך שטייערן און כלערליי „מתנות".

ה) סוף-כל-סוף דאַרף גענומען ווערן אין אַכט די לאַנגע קייט פון יידישע ישובים, וואָס זענען געווען צעזייט איבערן לאַנד און וואָס זענען — ווי מיר וועלן דאָס ווייטער זען — געשטאַנען אין קאָנטאַקט פון איין זייט מיט די קהילות אין שלעזיע, בעמען, אונגאַרן, דייטשלאַנד און איטאַליע — און פון דער אַנדע-רער זייט מיט די יידישע ישובים אינם ווייטערן מזרח און דרום, ווי מיט קאַפאַ ביים שוואַרצן ים אָדער מיט קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

דאָס זענען גלייכצייטיק געווען די וויכטיקע האַנדלס-סטאַציעס פאַר יידישע סוחרים, וואו זיי האָבן פון זייערע ברידער געקאָנט באַקומען אינפאָרמאַציעס וועגן ירידים, האַנדלס-טראַקטן, פרייזן פון סחורות וכדומה. אַ דאַנק דעמדאָזיקן אומשטאַנד האָבן זיך יידישע סוחרים אַ סך דרייסטער געקאָנט לאָזן אין די ווייטע לענדער, איידער עס האָבן דאָס געקאָנט טון די קריסטן.

נאָך די אויבנדערמאָנטע אַלגעמיינע באַמערקונגען וועגן די באַדינגונגען, וואָס האָבן באַגינסטיקט דעם יידישן האַנדל אין פוילן, וועלן מיר איבערגיין צו דער געשיכטע פונם דאָזיקן האַנדל גופא. ווי אַ גרענעץ-סלופּ האָבן מיר אינם קעפּל צו דעמדאָזיקן פּאַראַגראַף אָנגעמערקט דאָס יאָר 1485.

דידאָזיקע דאַטע איז באַגרינדעט דערמיט, וואָס ביז אָט דער צייט לאָזן זיך אין די קוועלן נישט אויפווייזן קיין שום באַגרענעצונגען פונם יידישן האַנדל.

די האַנדלס-נעץ, וועלכע יידישע סוחרים האָבן פאַ שפּרייט איבער פוילן און מחוץ די פּוילישע גרענעצן, גרייכט בעת דער באַהאַנדלטער תקופה אין דער מערב-זייט קיין שלעזיע (בפרט ברעסלע), אין צפון-זייט—קיין דאַנציג, אין מזרח- און דרום-זייט—קיין קאַפאַ און קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

אַ באַזונדערס וויכטיקע ראָלע שפּילן דעמאָלט די יידן אינם אַזויגערופענעם מזרח-האַנדל, וועמענס וויכטיקסטע צענטערס אויף דער פּוילישער ערד זענען ביים איבערברוך פון 14-טן און 15-טן י"ה

געווען אין לעמבערג און אין די וואָלינער שטעט לודמער (Włodzimierz) און לוצק.

רייסישע און וואָלינער יידן זענען אויך געווען די הויפּט-באַטייליקטע אינם דאָזיקן האַנדל, וואָס האָט אין מערב-זייט געפירט ביז קיין ברעסלע. די היבשע צאָל קוועלן-ידיעות וועגן די רייסישע יידן (זבדי, אפרים, אברהם, קלאַפּיטש), וואָס האָבן זיך אין דער צווייטער העלפט פון 14-טן י"ה אויפגעהאַלטן אין ברעסלע, דאַרף מען בלי-ספק פאַררעכענען אויפן חשבון פון די האַנדלס-באַציונגען, וואָס האָבן זיי אהינגעפירט קיין שלעזיע.

פון דערזעלבער צייט זענען אונז אויך פאַרבליבן ידיעות וועגן אַ האַנדלס-קאָנסאָרציום פון דריי לעמבערגער יידן — שלמה, צעוויאַ (Czewja) און יעקב וואָס האָבן דעם לעמבערגער שטאָט-ראַט געליפערט אַ גרויסן טראַנספּאָרט אָריענטאַלישע סחורות, דהיינו, $73^1/_2$ שטיינער פעפער, וואָס האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ ווערט פון 150 מאַרק (ערך 800 דאלאַר).

באַזונדערס רירעוודיק זענען אינם מזרח-האַנדל געווען די וואָלינער יידן. זיי פלעגן זייערע סחורות באַציען מן-הסתם אומדירעקט איבער קיעוו, הגם ס'איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז זיי האָבן געקאָנט פאָרן נאָך מזרח-אַרטיקלען קיין קאַפאַ איבער פאָדאָליע מיטן אַזויגערופענעם „טאַטאַרישן טראַקט", וואָס איז, אַגב, שוין באַוואוסט געווען אין י. 1343.

אין אָנהויב פון 15-טן י"ה באַזאָרגט דער לוצקער ייד יעקב סלאָמקאָוויטש מיט אָריענטאַלישע סחורות נישט בלויז די לעמבערגער פאַטריציער, נייערט אויך די פּוילישע מאַגנאַטן און ער ווערט אַפילו אַ הויף-ליפעראַנט פונם קעניג וולאַדיסלאַוו יאַגיעלאָ.

זיין האַנדל פירט אים אָפט קיין קראָקע, וואו ער שטייט אין נאָענטע באַציונגען מיט דער מעכטיקער באַנקיר-משפּחה לעוו-קאָוויטש.

וועגן דעם פאַרנעם פון יעקבס האַנדל זאָגט עדות אַ ידיעה פון י. 1410, לויט וועלכער ער האָט דעמאָלט באַזאָרגט פאַר די לעמבערגער ראַטס-האַרן אַ ליפערונג פון 315 שטיינער וואַקס פאַר אַ פּרייז פון 315 שאָק גראָשן.

אַ חוץ יעקב סלאָמקאָוויטש זענען קיין קראָקע גע-

פאָרן מיט אָריענטאַלישע סחורות אויך אַנדערע ווילנער יידן, ווי, אַ שטייגער, דער זון זיינער יצחק פון לודמער און שמחה פון לוצק, וואָס פלעגן אָפט איבערנעמען די סחורות אויפן חשבון פון דער שליאַכטע.

אין די הויף-חשבונות פונם קעניג וולאַדיסלאַוו יאַגיעלאָ ווערן צום יאָר 1394 דערמאָנט האַנדלס-נסיעות פון לעמבערגער יידן קיין קראָקע.

דאָס זענען, משמעות, געווען הויף-ליפעראַנטן, וואָס האָבן דעם הויף באַזאָרגט מיט די געזוכטע אַרטיקלען פונם וויטן מזרח.

דעם אויבנאָן האָבן צווישן זיי פאַרנומען דער אונז שוין באַוואוסטער הויף-ייד וואָלטשקאָ צאָלנער און אַ צווייטער הויף-ייד מיטן נאָמען דזאַטקאָ (Dzatko).

דידאַזיקע צוויי „קעניגלעכע באַאַמטע" („officiales nostri" — אַזוי ווערן זיי גערופן אין די קעניגלעכע דאָקומענטן) זענען געווען די באַדייטנסטע סוחרים צווישן פוילישע יידן און זיי שטייגן איבער, לויט דעם פאַרנעם פון זייער האַנדל, ווי אויך לויט די באַציונגען זייערע מיטן הויף, מיטן אַדל און מיט די שטעט בכלל אַלע סוחרים, וואָס זענען אין יענער צייט באַוואוסט אין פוילן.

זיי פירן, אויסער לאַנד-פּראָדוקטן (ווי פוטערוואַרג, וואַקס און זאַלץ), אָריענטאַלישע זייד און געווירצן און האַנדלען אויך דערפאַר ענגלישע שטאָפן.

אַרום י. 1445 פאַרקלייבט זיך אַ רוביעשאָווער ייד מיטן נאָמען אליהו נאָך מזרח-סחורות איבער לוצק קיין קיעוו, פון וואַנען ער פלעגט אין איינוועגס אימפּאָרטירן פערד און פוטערוואַרג.

אויפן וועג צו די איטאַליענישע האַנדלס-קאָלאָניעס ביים שוואַרצן ים, ווי אויך אויפן וועג צוריק איבער פּאָדאָליע און וואָלין, ביז וויט קיין גרויס-פוילן און מאַזאָוויע פלעגן זיך רייסישע און ווילנער יידן באַגעגענען מיט יידישע מזרח-הענדלער פון קיעוו און טראָקי (אין ליטע).

אַרום י. 1453 האָבן צוויי יידן פון טראָקי, אברהם און מרדכי, געפירט איבער פוילן אָריענטאַלישע סחורות אינם ווערט פון 600 ' גילדן (איבער 5.000 דאָלאַר).

אַרום י. 1456 האָט דער סטאַראָסטע פון קאַמיעניעץ-פּאָדאָלסק, בײַ די ייִדישע סוחרים, וואָס זענען פון די האַנדלס-צענטערס בײַם שוואַרצן ים געפאָרן קיין פּוילן, קאָנפיסקירט אָריענטאַלישע סחורות אויף 600 מאַרק (איבער 3000 דאָלאַר).

דאָס י. 1440 ברענגט אונז די ערשטע דאָקומענטאַלע ידיעות וועגן ביזאַנטינישע און איטאַליענישע ייִדן, וואָס האָבן געוואוינט אין קאַפאַ און וואָס האָבן געמאַכט כסדרדיקע האַנדלס-נסיעות איבער פּוילן, אָנקניפּנדיק דאָ געשעפטס-באַציונגען מיט ייִדן פון לעמבערג, טאַרנע, קראָקע וכדומה.

זייער אויספירלעך ווערן מיר דורך די קוועלן אינפאָרמירט וועגן דער האַנדלס-טעטיקייט פון איינעם אַזאַ ייִד פון קאַפאַ, מיטן נאָמען כ ל ב (Caleph Judeus de Capha). זיין האַנדל האָט לכתחילה געגרייכט ביז לעמבערג. דאָ אין לעמבערג האָט ער זיך אויך אין י. 1442 באַזעצט אויף שטענדיק. ער שטייט אין אַן ענגער געשעפטס-פאַרבינדונג מיטן לעמבערגער ייִד שכנא, וואָס האָט אין יענער צייט געהאַלטן אין אַרענדע דעם לעמבערגער מכס.

כלב פלעגט יאָר בײַ יאָר דורכפירן איבער דער לעמבערגער צאָל-קאַמער אָריענטאַלישע סחורות אינם ווערט פון איבער 2000 גילדן (קרוב צו 7000 דאָלאַר).

פון י. 1440 זענען אונז פאַרבליבן ידיעות וועגן געשעפטס-עסקים, וועלכע כלב און שכנא האָבן געפירט מיט אַן איטאַליענישן סוחר, אַ געוויסן ק ר י ס ט אָ פ אָ ר ו ס ג וו אַ ר ד י אַ פון גענוא, וואָס האָט געהאַנדלט אין פּוילן.

כלב האָט גענאָסן פון דער פּראָטעקציע מצד דעם לעמבערגער וואָיעוואָדע פ י אָ ט ר אָ ד ר אָ וו אָ נ ז ש. ווי ווייט דער וואָיעוואָדע פלעגט זיך איינשטעלן פאַרן רירעוודיקן קאַפאַער ייִדן, באַווייזט אַ ידיעה, אַז ער האָט אין י. 1442 גאַראַנטירט מיט אַ סומע פון 1.824 גילדן, אַז כלב, וואָס איז דעמאָלט אַרויסגערופן געוואָרן דורכן קראָקעווער געריכט, וועט זיך שטעלן צו דער פאַרהאַנדלונג.

די לעצטע שפור פון כלבס אויפהאַלט אין פּוילן געפינען מיר אין די קראָקעווער שטאָט-אַקטן צום י. 1447.

דער צוזאַמענברוך פון דער ביזאַנטישער מלוכה אין י. 1453

האָט מיטגעווירקט, אַז די טראַקטן, וואָס האָבן געפירט איבער פוילן קיין מזרח, האָבן באַקומען נאָך אַ גרעסערע באַדייטונג, ווי פריער.

די גענועזישע און ווענעציאַנער סוחרים, וואָס פלעגן פריער פון זייערע קאָלאָניעס ביים שוואַרצן ים רייזן קיין איטאַליע איבער קאָנסטאַנטינאָפּאָל, האָבן איצט צוליב די אומרוען און די אָנגעצויגענע באַציונגען מיט די טערקן, גענומען פאָרן אין זייער איטאַליענישער היים איבער פוילן. ביי דער געלעגנהייט פלעגן זיי אין די פוילישע שטעט דורכפירן פאַרשיידענע האַנדלס-טראַנזאַקציעס.

קיין איבעריק גרויסע קאָנקורענץ איז דערפון פאַר די פוילישע יידן לגמרי נישט אַנטשטאַנען, ווארים סך-הכל זענען פונם 15-טן י״ה באַוואוסט נישט מער, ווי 6–8 איטאַליענישע סוחרים, וואָס האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין פוילן אַ לענגערע צייט.

די צוזאַמענשטויסן זענען אָבער געווען אומפאַרמיידלעך און וועגן איינעם אַזאַ צוזאַמענשטויס ווערט אונז איבערגעגעבן פון י. 1464.

יידישע סוחרים, וואָס זענען איגם דאָזיקן יאָר געפאָרן פון קאַפאַ קיין פוילן, האָבן צוליב טעמים, וואָס זענען נישט באַוואוסט, צוגענומען ביי איינעם אַן איטאַליענער, מיטן נאָמען נ ע מ ב ר אָ ט וו ע ל ו ט י סחורות אינם ווערט פון 600 דוקאַטן. דער איטאַליענער האָט זיך געווענדט צום ווענעציאַנער דאָזשע, אַז ער זאָל זיך משתדל זיין ביים פוילישן קעניג וועגן אומקערן זיין אונטערטאַן די סחורות.

דער בריוו, וועלכן דער דאָזשע האָט געשריבן צום קעניג וועגן דעם פאָרפאַל מיט די יידן, איז עד-היום אויפגעהיט געוואָרן. עס איז אָבער נישט באַוואוסט, מיט וואָס די זאַך האָט זיך געענדיקט.

אין י. 1474, קורץ פאַר דעם אונטערגאַנג פון קאַפאַ, באַזעצט זיך אין פוילן דער ווענעציאַנער ייד י ע ק ב אַ נ ז ע ל מ י מיט זיין גאַנצער משפחה, זיינע קרובים און פריינט. די דאָזיקע גרופּע איטאַליענישע יידן האָט, ווייזט אויס, פריער געלעבט אין קאַפאַ און זי האָט, ווי דער פריער דערמאָנטער ייד כלב, אַריבערגעטראָגן צו-זאַמען מיטן וואוינאָרט אויך די האַנדלס-געשעפטן קיין פוילן, נישט וואַרטנדיק אויפן רעזולטאַט פון די קאַמפן, וואָס זענען דעמאָלט פאָרגעקומען צווישן די איטאַליענער און טערקן אַרום דעם באַזיץ פון די האַנדלס-קאָלאָניעס ביים ברעג פונם שוואַרצן ים.

מיטן אונטערגאַנג פון די איטאַליענישע קאָלאָניעס (1475) האָבן זיך די באַציִונגען מיטן אָריענט איבערן שוואַרצן ים אָפּגעשטעלט אויף אַ לענגערע צייט.

אַלס איינציקע האַנדלס-אַרטעריע קיין מזרח איז זינט דעמאָלט פאַרבליבן פאַר סוחרים דער טראַקט, וואָס האָט געפירט איבער דער וו אַ ל אַ כ יי און איבער די ברעגן פונם ב אָ ס פ אָ ר ו ס–אַ טראַקט, וואָס האָט פריער נישט געהאַט די מינדסטע באַדייטונג.

דער סחורות-אומזאַץ איז שטאַרק געפאַלן, אַזוי, אַז עס האָט, אַ שטייגער, די לעמבערגער פּאַטריציער געדראָט אַ באַנקראָט. אין יענע שווערע צייטן זענען יידן פון ק אָ נ ס ט אַ נ ט י נ אָ פּ אָ ל געווען כמעט די איינציקע סוחרים, וואָס האָבן פון וויטן מזרח אימפּאָרטירט סחורות קיין פוילן, פון וואַנען מען פלעגט די טראַנספּאָרטן ווייטער פאַרשיקן קיין מערב-אייראָפּע. אַ דאַנק זייער מסחר האָט דער לעמבערגער מאַרק באַוויזן נאָך אַ שפּאָר ביסל צייט צו דערהאַלטן זיין וועלט-באַדייטונג פאַרן האַנדל מיטן אָריענט.

אין אַ צייט, ווען עס האָט אויסגעזען, אַז עס האָבן זיך איבערגעריסן אַלע פעדים צווישן אַזיע און אייראָפּע, באַווייזט זיך אויפן לעמבערגער פּלאַץ דער קאָנסטאַנטינאָפּאָלער ייד ד ו ד. ער טרעט אַרויס שוין אין י. 1467 אַלס איינער פון די באַדייטנדסטע ליפעראַנטן פון אָריענט-סחורות. אין לעמבערג האָט ער זיינעם אַ מעקלער, דעם יידן יוסף און ער ליפערט דורך זיין פאַרמיטלונג די לעמבערגער יידן כלערליי קאָלאָניאַל-סחורות, ווי אַלוין, ציטרינעך, געווירצן, מזרח-ווייַן וכדומה, איינהאַנדלענדיק דערפאַר ענגלישע און בריסעלער שטאָפן און אַטלעס.

דוד און יוסף רייזן מיט זייערע סחורות נישט בלויז קיין לעמבערג, נאָר אויך קיין ק אַ מ י ע נ ע ץ פּ אָ ד אָ ל ס ק, ט ר ע מ ב אָ וו ל ע, כ אָ ט י ן וכדומה.

אַ חוץ דודן באַגעגענען מיר אויף האַנדלס-נסיעות איבער פוילן נאָך אַ ריי אַנדערע קאָנסטאַנטינאָפּאָלער יידן. פון צווישן זיי זענען נאָענטער באַוואוסט דריי: א ב ר ה ם, מ ש ה און ז כ ר י ה.

וועגן אברהמס האַנדלס-געשעפטן אינפאָרמירן אונז די לעמבערגער שטאָט-אַקטן זינט דעם יאָר 1471. ער פירט קיין רייסן דער-

עיקרשט געווירצן. זיינע אומזאַצן זענען געווען זייער באַדייטנדיקע. אַ ריאה, אַז ער האָט אין משך פון איין איינציקן יאָר פאַרקויפט צו די לעמבערגער יידן און אַרמענער סחורות פאַר איבער 2.300 גילדן (לערך 8000 דאָלאַר).

אויסער לעמבערג פלעגט אברהם נאָך באַזוכן די ירידים אין לובלין. אברהם פלעגט טיילמאָל פירן זיין האַנדל צוזאַמען מיט זיין לאַנדסמאַן משה אָדער מיט משהס ברודער און באַפולמעכטיקטן, דעם קאָנסטאַנטינאָפּאָלער יידן זכריה. אַלס אַפּזאַץ-מערק, וואו משה און זכריה פלעגן אָנקומען מיט סחורות, ווערן אין די אַקטן דערמאָנט סוטשאַווע און לעמבערג.

וועגן דעם האַנדל פון די דערמאָנטע דריי קאָנסטאַנטינאָפּאָלער יידן ציען זיך ידיעות אַ גאַנץ יאָרצענדליק, ביז דעם יאָר 1481.

בלי-ספק האָבן די באַציונגען מיטן אָריענט האָבן גורם געווען דערצו, אַז אין רייסן זאָל צוריק אויפלעבן דער האַנדל מיט שקלאַפן. דער אָנטייל פון יידן אינם דאָזיקן מסחר ווערט באַלויכטן דורך אייניקע געריכטס-פאַרנאָטירונגען פון דעם יאָרצענדליק 1440 — 1450.

אין י. 1441 קויפט אַ רייסישער ייד אַ שקלאַפין ביי אַ געוויסן סטאַניסלאַוו פון שטשעפּאַנאַוו.

אין י. 1447 פאַרמשכונט דער רוביעשאָווער ייד איזאַטש-קאָ סאָקאָלאָוויטש ביים רייסישן וואָיעוואָדע 10 שקלאַפן אויף אויף צו פאַרזיכערן אַ חוב פון 140 מאַרק.

אַן אינטערעסאַנטן פאַל נאָטירן די רייסישע געריכטס-ביכער צום י. 1449: דעם יידן מרדכי פון האַליטש איז אַנטלאָפן אַ שקלאַפין. דער ייד האָט זיך דערוואוסט, וואו זי האַלט זיך אויף און ער פאַרלאַנגט דורכן געריכט, אַז זי זאָל זיך אומקערן צוריק אין זיין באַזיץ. ער טענהט, אַז ער האָט פאַר דער שקלאַפין באַצאָלט 6 שאָק גראָשן. די שקלאַפין ענטפערט דערויף פאַרן געריכט, אַז דער ייד האָט זי געקויפט קינדווייז פאַר 1 שאָק. דאָס געריכט האָט אַרויסגעגעבן אַ פסק-דין, אַז די שקלאַפין דאַרף אומקערן דעם פּרייז, וועלכן ס׳האָט פאַר איר באַצאָלט דער ייד און זי ווערט זיין פריי.

דער עקספּאָרט פון די שקלאַפן, איז געגאַנגען געוויינלעך קיין

איטאַליע, בפרט קיין גענוא. אגב, זענען דעמאָלט די יידן נישט גע־ווען די איינציקע שקלאַפן־הענדלער אויפן פוילישן באָדן.

אין נאָך אַ גרעסערן מאַסשטאַב האָבן דאָ איינגעהאַנדלט שקלאַפן אַרמענישע סוחרים און דער עיקר איטאַליענער.

די יידישע סוחרים פון קאַפאַ און קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָבן זיך געווײַנלעך באַגרענעצט אויפן לעמבערגער און לובלינער יריד. דאָ פלעגן צו זיי אָנקומען יידן, וואָס זענען געווען צעזייט איבער די רייסישע שטעט און שטעטלעך און איינקויפן די מזרח־אַרטיקלען, אום זיי ווייטער צו פאַרשפּרייטן איבער פוילן און צו עקספּאָרטירן אַ טייל טראַנספּאָרטן קיין שלעזיע.

לויט ווי ס׳אינפאָרמירן אונז די אַקטן פון דער באַהאַנדלטער תקופה, באַגעגענען מיר אויף די האַנדלס־טראַקטן, וואָס פירן פון לעמבערג און לובלין קיין קליין־פוילן, גרויס־פוילן ביז איבער דער פויליש־שלעזישער גרענעץ, יידישע סוחרים נישט בלויז פון די דער־מאָנטע צוויי ירידים־שטעט נאָר אויך פון לוצק, בעלז, זשידאַטשאָוו, רוביעשאָוו, טאָרנע א. אַז. וו.

זיי פירן אָריענט־סחורות אין גרויסע מענגעס. פון דידאָזיקע צווישן־הענדלער פאַרנעמען דעם אויבנאָן מערערע יידישע הויף־ליפע־ראַנטן, ווי, אַ שטייגער, דער רוביעשאָווער ייד מ י כ א ל און דער זון זיינער י ה ו ד ה, דער לעמבערגער ייד ש כ נ א, די בעלזער יידן ש אַ נ י אַ און י ו ס ל, ש מ ש ו ן פון זשידאַטשאָוו וכדומה.

מאַנכע פון זיי האָבן דירעקטע באַציונגען מיטן אָריענט און זיי פירן ווײַן מעבר לים (vina per maze), וואַרשיינלעך, פון קרים.

אַ חוץ אָריענטאַלישע סחורות האַנדלען די דערמאָנטע הויף־ליפעראַנטן אויך מיט פלאָרענטינער, מעכעלער און סטוטשינער שטאָפן, ווי אויך מיט פלערליי פוטערוואַרג.

מיר האָבן באַטראַכט דעם אָנטייל פון אויסלענדישע און רײַ־סיש־וואָלינער יידן אינעם מזרח־האַנדל, וואָס איז געגאַנגען איבער פוילן. ס׳בלייבט אונז נאָך, פעסטצושטעלן די סאַמע ווייטסטע מערב־און צפון־גרענעצן, ביז וועלכע עס פלעגן אָנקומען די יידישע סוחרים פון פוילן.

קראָקע און פויזן זענען לגמרי נישט געווען זייערע לעצטע האַנדלס־סטאַציעס אויפן מערב. זינט דעם דריטן יאָרצענדליק פין

15-טן י״ה, ווען די באַציונגען צווישן פוילן און דעם דייטשן אָרדן האָבן אָנגענומען אַ מער פרידלעכן כאַראַקטער, פלעגן זיך די יידן פאַרקלייבן אויך קיין דאַנציג.

אין די יאָרן 1423—1453 ווערן אין די דאַנציגער שטאָט-ביכער דערמאָנט יידישע סוחרים פון טראָקי, גראָדנע און אַנדערע ליטווישע שטעט.

אין י. 1445 באַווייזט זיך אין דאַנציג אַ קאָנסאָרציום סוחרים פון וואָלין, וואָס איז באַשטאַנען פון די יידן האָלאָפּענע (!), מאַגדאָן, שלמה און דעטקאָ.

באַזונדערס לעבעדיק זענען געוואָרן די יידישע האַנדלס-באַציונגען מיט דאַנציג זינט דעם י. 466 , ווען פּרייסן איז אַריבערגעגאַנגען אונטער דער אויבערהערשאַפט פון פוילן.

אַ חוץ דאַנציג פלעגן פוילישע יידן באַזוכן אין מערב דעם ברעסלער יריד. וועגן די דירעקטע האַנדלס-באַציונגען פון רייסישע יידן מיט ברעסלע בעת דער צווייטער העלפט פון 14-טן י״ה, האָבן מיר שוין פריער גערעדט. די באַציונגען ווערן ווייטער געשפּונען אין דער ערשטער העלפט פון 15-טן י״ה.

אַזוי, אַ שטייגער, ווערט אין די קראָקעווער ראַטס-אַקטן צום יאָר 1434 דערמאָנט אַ צאָזמערער ייד יעקב, וואָס פלעגט פאָרן צו די ברעסלער ירידים.

איינמאָל, זייענדיק אויפן יריד האָט ער אַ מעקלער פונם סוחר יאָרגע (געאָרג) אַנטליען לויטן אויפטראָג פון דעם לעצטן אַ סכום פון 250 אונגאַרישע גילדן, וועלכע ער האָט דאַן אָפּגענומען אין קראָקע.

וועגן דירעקטע באַציונגען פון פוילישע יידן מיט ברעסלע זאָגט עדות דער פאַקט, וואָס די ברעסלער ראַטס-האַרן זענען ביי יידן פון קאַליש, פּויזן און אַנדערע שטעט געווען פאַרשולדיקט אויף זייער גרויסע געלטער, וואַרשיינלעך, פאַר סחורות, וועלכע זיי פלעגן נעמען אויף קרעדיט.

אַזוי, אַ שטייגער, פאַרנאָטירן די ברעסלער קוועלן אַרום יאָר 1453, אַז די ברעסלער ראַטס-האַרן האָבן געהאַט אַנטליען 1.500 מאַרק ביי 4 פוילישע יידן.

פון די יאָרן 1443 און 1445 זענען אונז פאַרבליבן ידיעות וועגן

האַנדלס-אַגענטן און שליחים, וועלכע פּוילישע ייִדן האָבן געהאַלטן אין ברעסלע.

בלי ספק זענען דידאָזיקע באַציונגען איבערגעריסן געוואָרן אין י. 1453, ווען עס האָט זיך אָפּגעשפּילט די בלוטיקע קאַטאַסטראָפע פונעם שלעזישן ייִדנטום.

אַ באַזונדער קאַפּיטל בילדעט אינעם האַנדל פון פּוילישע ייִדן בעת דער באַהאַנדלטער תקופה דער **מסחר מיט לאַנד-פּראָדוקטן**.

אין די אַקטן פונעם 15-טן י״ה זענען אונז אויפגעהיט געוואָרן אַן אַ שיעור פאַרצייכענונגען וועגן ייִדן, וואָס האָבן געהאַנדלט מיט **אָקסן, שאָף און פערד**. באַזונדערס רירעוודיקע ייִדישע בהמה-הענדלער באַגעגענען מיר אין די געגנטן פון **יאַראָסלאַוו, ריישע, לעמבערג, זשידאַטשאָוו, האַליטש** און **אָסטראָג**.

נישט זעלטן פלעגן די ייִדן פאָרן קיין פּאָדאָליע אויף איינצו-האַנדלען אָקסן. פערד פלעגן זיי אָפט באַציען פון אונגאַרן. מיטן פערד-האַנדל האָבן זיך באַשעפטיקט כמעט אויסשליסלעך קליין-פּוילישע ייִדן, דאַקעגן איז דער אָקסן-האַנדל געלעגן דערעיקרשט אין די הענט פון רייסישע און וואָלינער ייִדן.

ס'איז כדאַי אויך צו דערמאָנען מיט אַ פּאָר ווערטער דעם ייִדישן האַנדל מיט **פיש**. ער האָט געבליט דער עיקר אין רייסן.

אַן אינטערנאַציאָנאַלע באַדייטונג האָט באַקומען דער פיש-האַנדל, זינט עס זענען אָנגעקניפּט געוואָרן באַציונגען מיט די קאָלאָניעס ביים שוואַרצן ים, פון וואַנען פיש און קאַוויאָר פלעגן איבער פּוילן פאַנאַנדערגעשיקט ווערן אין אַלע אייראָפּעישע לענדער.

וואָס שייך דער באַטייליקונג פון ייִדן אינעם פיש-האַנדל, פאַלט אויף דער פאַקט, וואָס זיי האָבן זיך געפלייסט צו פאַרטרעטן די **אַזאָווישע, קאַספּישע** און **דאָנער** פיש דורך היימישע.

נישט געקוקט אויף דעם גרויסן אימפּאָרט פון **קאַפאַ** און אַזאָוו, נעמען זיי זיך צו דער עקספּלאָאַטאַציע פון די טייכן אין רייסן.

פאַר די יאָרן 1427—1469 זענען אונז פאַרבליבן אַ שפּאָר ביסל ידיעות וועגן ייִדישע הענדלער, וואָס האָבן ביי דער רייסישער שליאַכטע אויפגעקויפט אָדער אָרענדירט פיש-טייכן.

פון אַנדערע לאַנד־פּראָדוקטן האָבן די יידן געפירט אַ ש, סמאָלע און תבואה, וועלכע זיי פלעגן עקספּאָרטירן איבער וואָלין און מאַזאָוויע קיין דאַנציג.

בכדי צו דערגאַנצן דאָס האַנדלס־בילד, דאַרף נאָך דערמאָנט ווערן, אַז מיר באַגעגענען אין דער באַהאַנדלטער תקופה נישט ווייניק יידן, וואָס האָבן געהאַנדלט מיט משקאות.

אַ טייל פון דידאָזיקע הענדלער האָט פאַרמאָגט אייגענע ברויערייען. סוף־כל־סוף איז אויך כדאַי צו דערמאָנען, אַז אין צוזאַמענהאַנג מיט די וואוכער־געשעפטן, האָט זיך אין פּוילן, פּונקט ווי אין מערב־אייראָפּע, אַנטוויקלט אַ יידישער האַנדל מיט אַלטוואַרג, דהיינו, מיט באַוועגלעכע משכנות, וואָס זענען נישט אויסגעקויפט געוואָרן אין משך פון „אַ יאָר און אַ טאָג".

דערדאָזיקער האַנדל האָט דער עיקר געבליט ביי די פּויזנער, קראָקעווער און וואַרשעווער יידן.

§ 122 דער קאַמף אַרום האַנדלס־רעכט (1485—1500).

די תקופה ביז צום י. 1485 האָבן מיר באַצייכנט אַלס בלי־תקופה פונם יידישן האַנדל אין פּוילן. אין די לעצטע צוויי יאָרצענדליקער פונם מיטלאַלטער קומט פאָר אַ ווענדונג: עס הויבן זיך אָן שאַרפע קאָנפליקטן צווישן יידן און קריסטלעכע סוחרים און עס באַווייזן זיך די ערשטע באַגרענעצונגען פונם יידישן האַנדל.

דער ערשטער קאַמף־סיגנאַל האָט זיך געלאָזט הערן אינם צענטרום פונם פּוילישן האַנדל, אין קראָקע. די פּרטים פון דעם קאַמף זענען אונז אומבאַקאַנט. אונז איז באַוואוסט בלויז דער רעזולטאַט, און באַדייטן באַטייט ער אַ פולשטענדיקע מפּלה פאַר די קראָקעווער יידן. אַזוי, ווייניקסטנס, זעט עס אויס אויפן פּאַפּיר...

אין י. 1485 דערקלערן, נעמלעך, די קראָקעווער ראשי־הקהל פאַרן וואָיעוואָדע, אַז די יידישע סוחרים פון קראָקע זאָגן זיך אָפּ „אָן וועלכן ס'איז צוואַנג" (מיר ווייסן שוין, וואָס עס באַטייט די פראַזע „אָן צוואַנג"...) פון די ביזאהעריקע האַנדלס־רעכט זייערע און אַז זיי וועלן אויף להבא האַנדלען בלויז מיט פאַרפאַלענע משכנות און אויך נאָר בשעת ירידים און מאַרק־טעג.

ווען עס זאָל טרעפן — הייסט עס ווייטער אין דער ז'ערקלע-רונג — אַז אַ ייד וועט פאַרקויפן זאַכן, וואָס זענען נישט קיין משכנות, זאָלן דעמאָלט די שטאָט-לייט האָבן דאָס רעכט, אַזעלכע סחורות צו קאָנפיסקירן און דעם יידן איינצוזעצן אין תפיסה.

בלויז יידן-אָרעמעלייט מעגן ווייטער טרייבן דעם האַנדל, וועלכן זיי האָבן ביזאַהער געטריבן מיט באַקליידונגס-שטיק און קאָלנערס, וועלכע זיי פלעגן אַליין אויסאַרבעטן.

אין 10 יאָר אַרום באַווייזן זיך אין קראָקע באַגרענעצונגען אויך פאַרן יידישן פלייש-האַנדל: מיטן דאָזיקן האַנדל מעגן זיך לויט אַן אָפמאַך, וואָס איז אָנגעוואָרפן דער קהילה (אין י. 1494) באַשעפטיקן נישט מער, ווי 4 קצבים.

דער לאָזונג, וואָס איז געפאַלן אין קראָקע, האָבן אינגיכן אויפגעכאַפּט די שטאָט-לייט פון פויזן, לעמבערג און צאָזמער.

פאַרן יאָר 1488 מוזן די פויזנער און צאָזמער יידן אונטער-שרייבן אַן ענלעכע התחייבות, ווי עס האָבן דאָס אין י. 1485 גע-מאַכט „אָן וועלכן ס'איז צוואַנג" די יידן פון קראָקע.

אין י. 1488 זענען זיך ביים קעניג משתדל די לעמבערגער האַנדלס-לייט, אַז ער זאָל די לעמבערגער יידן פאַרווערן דעם דע-טאַיל-האַנדל מיט שניט-סחורה.

אומדערוואַרט באַקומען זיי אָבער אַרויס אַ דעקרעט, אַז די יידן איז כּלל פאַרבאָטן צו האַנדלען, אַ חוץ מיט פאַרפאַלענע משכנות. אין משך פון אייניקע יאָרן איז דער יידישער האַנדל געווען אַזוי גוט, ווי געבראָכן.

די פאַרשרייבונגען אין די געריכטס-ביכער, וואָס זענען צו אונדז דערגאַנגען פון די יאָרן 1488—1493, אינפאָרמירן אונדז כּמעט אויסשליסלעך וועגן יידישע קרעדיט-געשעפטן אָדער ספּעקולאַציעס מיט הייזער. אויב עס טרעפן זיך שוין אַמאָל ידיעות וועגן האַנדל, איז עס דער דערלויבטער מסחר מיט משכּנות אָדער מיט אַלטוואַרג. ווי אַ צופאַל רייסן זיך אַמאָל דורך ידיעות וועגן האַנדל מיט בהמות אָדער שניט-סחורה.

עס האָט, ווי געזאָגט, געדויערט אייניקע יאָר, ביז די יידן האָבן אונטערגענומען אַ קאַמף פאַר די האַנדלס-רעכט, וואָס זענען ביי זיי צוגענומען געוואָרן אין די יאָרן 1485 און 1488.

צום פריסטן האָבן אָנגעהויבן דעם קאַמף די לעמבערגער יידן. אין י. 1493 באַשטימט דער קעניג אַ „פּראָוויזאָריום" (status interim), לויט וועלכן ער דערלויבט די לעמבערגער יידן איינצוקויפן ביז 1600 אָקסן און איינצוהאַנדלען פאַר זיי ביז 1000 באַלנס שטאָף.

די אָקסן מעגן זיי איינהאַנדלען אויף וועלכע ס'איז ירידים, פון די באַלנס שטאָף איז זיי דערלויבט צו פאַרקויפן 500 אין יאַראָסלע און די איבעריקע 500 — אויפן יריד אין פּרעמיסלע.

ווי נישט איז, האָט דאָסדאָזיקע „פּראָוויזאָריום" פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ געוויסן נצחון פון די יידן. דער קאַמף איז געגאַנגען ווייטער. אין י. 1499 ווערט אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג וועגן דעם האַנדל פון די לעמבערגער יידן:

1. די יידן מעגן פאַרקויפן שטאָפן בלויז באַלנווייז (דהיינו, בלויז en gross); דער לאחדים-האַנדל איז זיי פאַרווערט.

2. קיין פאַרטיקע מלבושים טאָרן זיי אין לעמבערג בכלל נישט פאַרקויפן, זיי מעגן אָבער דערמיט האַנדלען אויף ירידים אין אַנדערע שטעט.

דאָס האָט דעם סכסוך בלויז פאָרמעל דערליידיקט, פאַקטיש האָבן די יידן ווייטער געפירט זייער לאחדים-האַנדל מיט שטאָף און זיי האָבן גענומען אויסמיידן דעם לעמבערגער שטאַפּל, אום צו שאַפן אַ דרוק אויף די פיינטלעכע שטאָט-לייט.

סוף-כל-סוף האָט זיך די לעמבערגער יידן אין י. 1503 איינגעגעבן אויסצופועלן ביים קעניג אַ דעקרעט, וואָס האָט זיי דערלויבט צו פירן אַ פרייען האַנדל מיט מכל המינים אַרטיקלען בשעת יאַר-ירידים און שטענדיקע מערק.

דאָס לעמבערגער בירגערטום האָט זיך געפילט געטראָפן דורך דעם דעקרעט און דער קאָנפליקט מיט די יידן איז געוואָרן אַלץ אַ שאַרפערער.

ענלעך האָבן זיך אויך אויסגעדריקט די קאַמפן פון די קראָקעווער און פויזנער יידן קעגן די האַנדלס-באַגרענעצונגען פון די יאָרן 1485—1488.

מען האָט די אָפמאַכן ביים סוף פון מיטלאַלטער גענומען באַטראַכטן פאַר טויטע אותיות און מען האָט זיך מיט זיי לגמרי נישט גערעכנט.

עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז די שטאָט־ראַטן האָבן גע־נומען טראַכטן וועגן שאַפן אַ געמיינזאַמען פראָנט פון אַלע גרויסע שטעט אין פוילן, אום צוריק אַרייַנצוטרייבן דעם יידישן האַנדל אין די שמאָלע ראַמען פונעם משכנות־ און טאַנדעט־האַנדל.

דער פאַרלויף פון דידאָזיקע ראַנגלענישן באַלאַנגט אָבער נישט מער צום מיטלאַלטער און מיר מוזן אונטערברעכן אונזערע באַטראַכטונגען, קאָנסטאַטירנדיק בלויז, אַז די יידן האָבן ביים סוף מיטלאַלטער באַוויזן צו פאַרמיידן די האַנדלס באַגרענעצונגען, וועלכע מען האָט צום ערשטן מאָל געפרואווט איינצופירן אין די 80־קער יאָרן פון 15־טן י״ה.

קאַפּיטל פיר און פערציק

יידישע אַרענדעס און באַנקיר-געשעפטן אין פּוילן
(1500—1350)

123 § יידישע צאָל- און גרובן-אַרענדעס.

שוין אין פריען מיטלאַלטער פלעגן פּוילישע קעניגן און שררות אָנפאַרטרויען די יידן וויכטיקע פונקציעס אין דער פינאַנץ-אַדמיניסטראַציע פון זייערע גיטער.

די קירכע האָט, אמת, באַקעמפט דאָס אַריינציען די יידן אין די צווייגן פון עפנטלעכער פאַרוואַלטונג, אָבער איר איסור האָט ווייניק וואָס געהאָלפן, וואָרים מען האָט אין פּוילן נישט געקאָנט געפינען קיין בעסערע אַדמיניסטראַטאָרן, ווי יידן.

אונטער קאַזשימיעזש דעם גרויסן און וולאַדיסלאַוו יאַגיעלאָ האָט מען איבערגעגעבן צו יידן אין אַרענדע נישט בלויז עפנטלעכע שטייערן, נאָר אויך אַזעלכע וויכטיקע הכנסה-קוואַלן פון דער מלוכה, ווי די קעניגלעכע מינץ אָדער די מלוכהשע זאַלץ-גרובן.

אַזוי, אַ שטייגער, איז באַוואוסט וועגן דעם קראָקעווער „ראָטשילד", לעווקאָ, דעם באַנקיר פון דריי פּוילישע קעניגן, אַז ער האָט אין די 60-קער יאָרן פון 14-טן י"ה צוזאַמען מיט אייניקע שותפים געהאַט אין אַרענדע די באַרימטע וויעליטשקער און באָכניער זאַלץ-גרובן און אַז ער האָט פאַרוואַלטעט מיט דער קראָקעווער מינץ.

דעמזעלבן לפווקאָ באַגעגענען מיר אויך אַלס איינמאָנער פון די שטאָטישע אָפּצאָלונגען, וואָס זענען באַשטימט געווען פאַרן קראָקע-ווער שטאָט-פּראָוואָלטער, באָ ד ז אַ נ ט אַ.

גענויע פּרטים וועגן יידישע אַרענדעס גיבן אונז ערשט די קוועלן פונם 15-טן י״ה. מיר באַגעגענען אינם דאָזיקן יאָרהונדערט יידן דער עיקר אַלס מכס-פּאַכטערס, זעלטענער אַלס פּאַכטערס פון גרובן, שטייערן וכדומה.

דאָ ווייטער ברענגען מיר צוויי טאַבעלעס, וואָס אילוסטרירן אונז די געשעפטן פון אַ ריי יידישע אַרענדאַרן, וועגן וועלכע ס׳זענען פאַרבליבן ידיעות אין די קוועלן.

די פּאַכט פון מכס- אָדער זאַלץ-גרובן — דאָס זענען געווען דורכאויס קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונגען, וואָס האָבן אַ חוץ אַ טעכנישער באַהאַוונטקייט געפאָדערט באַדייטנדיקע געלט-מיטלען.

מיר גיבן דאָ אַ פּאָר פּרטים וועגן די קאַפּיטאַלן, וועלכע מען האָט דעמאָלט געמוזט אַריינלייגן אין אַזעלכע געשעפטן.

נ אַ ט ק אָ צאָלט פאַר דער אַרענדע פונם לעמבערגער מכס אַ יאָר-צינז פון 1000 מאַרק, פאַר דער אַרענדע פונם גרייִדיקער מכס און פון די זשופּן אין דראָהאָביטש — אַ יאָר-צינז פון 1.525 מאַרק; צוזאַמען מאַכט דאָס אויס אַ יאָר 2.525 מאַרק (לערך 13.000 דאָלאַר).

ש מ ש ו ן פון זשידאַטשאָוו, וואָס האָט אין י. 1471 אַרענדירט דיזעלבע מכסים און זשופּן, צאָלט פון זיי אַ יאָר-צינז פון 2.363 מאַרק און אַ חוץ דעם איז ער מחויב, צו ליפערן דעם קעניגלעכן הויף אַ באַלן רויטן קאָפּטיר.

ש אַ נ י אַ מ אָ מ א ט ל י ו ו י און ש כ נ א פ ס ח אָ ו י ט ש צאָלן אין י. 1487 פאַר דער פּאַכט פונם לוצקער מכס אַ יאָר-צינז פון 1.512 1/2 שאָק גראָשן. די אַרענדע פון די מכסים, וואָס זענען אין יאָר 1504 איבערגענומען געוואָרן דורך די ק ר אָ ק ע ו ו ע ר פישלס, האָט געקאָסט אַזויפיל, ווי 2.500 גילדן (לערך 8.500 דאָלאַר), 2 שטיינער סאַפראַן און 10 שטיינער פעפער.

אין די יאָרן 1484—1487 האָט דער אַרענדאַר י ו ס ל - י אָ ס ק אָ אויסגעצאָלט אויפן חשבון פון די אַרענדע-צינזן, וואָס זענען פון אים געקומען דעם קעניג, אַ סכום פון 1.146 מאַרק און 319 גילדן (צוזאַמען לערך 7.000 דאָלאַר).

אַ דאַנק די אַרענדעס פלעגן די יידן קומען אין דירעקטע

א) יידן-צאָלנערס

יאָר פון דער ארענדע	נעמען פון די צאָלנערס	ארענדירטער מכס
1434—1414	יעקב סלאָמקאָוויטש	לוויצק
1434—1424	וואָלטשקאָ צאָלנער	לעמבערג
1448—1440	שכנא	לעמבערג, גריידיק
1441	איזאַטשקאָ	האַליטש
1448—1445	דוד	פּשעמישל
1447	איזאַטשקאָ סאָקאָלאָוויטש פון הרוביעשויוו	סאַמבאָר
1454—1452 1465	נאַטקאָ	לעמבערג, גריידיק, קאַמיענעץ פּאָדאָלסקי
1454	יאַטשקאָ	בוסק
1454	לאָזער	קאַמיאָנקאַ
1464	ירדן (Jordan)	יאַראָסלאַוו
1474—1466	א) שמשון פון זשידאַטשויוו	לעמבערג, גריידיק, קאָלאָמיי
1476	ב) די אלמנה נאָך אים, שרה	לעמבערג
1473	לאָזער	בעלז
1474	יעקב	גליניאַני
1477	איזאַטשקאָ דער עלטערער און איזאַטשקאָ דער יינגערער	פּשעמישל

יאָר פון דער אַרענדע	נעמען פון די צאָלנערס	אַרענדירטע מכס
1481	עליה	לעמבערג
1487—1484	א) יוסל־יאַסקאָ פון הרוביעשויוו ב) יוסלס ברודער, שאַן שאַכניעוויטש ג) יוסלס זון, יעקב	הרוביעשויוו, לובלין, בעלז (א)
″		בעלז (ב)
1492		כעלם (ג)
1497—1493		הרוביעשויוו, לובלין (א־ב־ג)
1498		לובאַטשויוו (א)
1500		בוסק, הרוביעשויוו (ג)
1508—1501		בוסק, לעמבערג, לובלין, כעלם, בעלז, הרוביעשויוו, האַליטש, פּזשעמישל, פּאָדאָל (א)
1487	א) שכנא פּסחעוויטש פון לוציק ב) שאַניאַ מאָמאָטליווי פון לוציק	לוציק
1489	א) העשל פון בערעסטעטשקאָ ב) אברהם ″ ″ ג) יחזקאל פון הרוביעשויוו	לודמער און פּזשעמישל
1494	משה ירדן	לעמבערג
1500	כאַטשקאָ (Chaczko)	בעלז
1503		פּאָטיליטש
1507|10		לובאַטשויוו
1500	יוסף	אָלעסקאָ
1503	עוזר פון אָפּאָטשנע	קראָקע, ראַווע
1504—1507	א) משה פישל ב) יעקב פישל ביידע פון קראָקע	לענטשיץ, קלאָדאַווע, קאָלנאָ, קלעטשעוו, קאָנין, בריסק, ראַדזישעוו, גאָסטינין, ראַווע, סאָכאַטשויוו, סטענזשיץ

ב) יידן — גרובן־פאַכטערס

יאָר פון דער ארענדע	נעמען פון די גרובן־פּאַכטערס	דאָס אָרט פון די אַרענדירטע גרובנס
1425	דזאַטקאָ (Dzatko)	דראָהאָביטש
1447	איזאַטשקאָ סאָקאָלאָוויטש פון הרוביעשוויו	יאסיעניק
1452/4	נאטקאָ	דראָהאָביטש
1454	יאַטשקאָ פון בוסק „גרובן־פּאַכטער" („Zupparius")	?
1466 ביז 1474	א) שמשון פון זשידאטשויוו ב) זיין זון, אָשווא (Oszwa) ג) די אַלמנה נאָך אים, שרה	א) קאָלאָמיי, דראָהאָביטש, דאָלינא און זשידאטשויוו ב) און ג): דאָלינא (1474)

באַציונגען מיט די קעניגן און שררות, געווינען זייער פּראָטעקציע און דערשלאָגן זיך צו וויכטיקע אינדיווידועלע פּריווילעגיעס. אַזאַ ייד — אַן אַרענדאַר פון קעניגלעכע מכסים אָדער זשופּן פלעגט זיין פאַראַנטוואָרטלעך דירעקט פאַרן קעניג אָדער פאַרן וואָיעוואָדע און קיין אַנדער געריכטס־מאַכט האָט אים נישט געטאָרט טשעפּען.

געוויינלעך האָט אים דער קעניג איבערגעלאָזן דאָס רעכט, צו משפּטן דעם פּערסאָנאַל, מיט וועלכן ער האָט זיך באַנוצט ביי די אַרענדעס.

אַלס אַ קעניגלעכער פונקציאָנאַר האָט ער געהאַט אַ גרויס אָנזען. אַ ראיה, דער אופן, ווי מען פלעגט זיך צו אים ווענדן: ער איז נישט מער קיין „אומגלויביקער ייד" (perfidus iudeus), נייערט „אונזער באַדאַכטזאַמער ייד" (iudeus noster p r o v i d u s).

וואָס שייך די הכנסות פון אַזאַ צאָלנער, זענען זיי באַשטאַנען אַ חוץ דעם מכס, וועלכן ער האָט גענומען לויט אַ טאַקסע, אויך פון די געשמוגלטע סחורות, וואָס אַ העלפט פון זיי האָט דער צאָלנער געמעגט צונעמען פאַר זיך.

אגב, דאַרף אויך אונטערגעשטראָכן ווערן די גרויסע רענטאַבי־ליטעט פונם מכס: דער מכס האָט אין יענע צייטן — צוליבן מאַנגל פון אַ ציל־באַוואוסטער האַנדלס־פּאָליטיק — געטראָגן דעם כאַראַקטער פון אַ טראַנזיט־מכס און מען האָט אים גענומען אָן אונטערשייד, פון וואַנען און וואוהין מען האָט געפירט די סחורה.

ביים אָנהויב פון 16־טן י״ה האָט דער קליינער אַדל אָנגעהויבן אַ קאַמף קעגן די יידישע אַרענדעס, ווילנדיק אַליין פאַרכאַפּן דעם־דאָזיקן רייכן הכנסה־קוואַל. דער קאַמף האָט אָנגעהאַלטן אַ גאַנץ יאָרהונדערט, אָבער ער האָט נישט דערפירט צו קיין ממשותדיקע רעזולטאַטן פאַר די יידישע קאָנקורענטן.

דער טיפּ פונם יידישן צאָלנער אָדער גרובן־פּאַכטער איז נאָך באַשטאַנען אין 17־טן און 18־טן י״ה.

§ 124 די בלי־תקופה פון יידישע קרעדיט־געשעפטן. (1423—1350).

די אָנזעעוודיקע צאָל יידן, וועלכע מיר האָבן באַגעגנט ביי די גרויס־קאַפּיטאַליסטישע אַרענדעס, האָט זיך דערווייל דערשלאָגן אַ דאַנק די פאַרמעגנס, וועלכע זי האָט באַוויזן צו אַקומולירן מיט דער הילף פון האַנדלס־ און קרעדיט־אָפּעראַציעס, דער עיקר אָבער מיט דער הילף פון קרעדיט־געשעפטן.

ביים איבערברוך פון 14־טן און 15־טן י״ה, ווען דאָס שטאָטי־שע לעבן אין פּוילן האָט געהאַלטן אין פאַנאַנדערוואַקסן זיך, איז פאַר יידישע באַנקיר־געשעפטן אַנטשטאַנען אַן ענלעך גינסטיקע סיטואַציע, ווי מיט צוויי־דריי יאָרהונדערטער פריער אין דייטשלאַנד, ווען עס האָבן גענומען אויפבליען די שטעט פון די ריין־געגנטן.

אַ חוץ דעם האַנדלס־לעבן אין די שטעט האָבן אויף דער אַנט־וויקלונג פונם יידישן קרעדיט אין פּוילן געהאַט אַ באַדייטנדיקע השפּעה אויך די געלט־באַדערפענישן פון דער ערד־באַזיצנדיקער שליאַכטע און צום טייל אויך די באַדערפענישן פון דער קירכע.

די אָפטע מלחמות, דער אויסקויף פון משפחה־גיטער פון פרעמ־דע הענט, די אָפּצאָלן לטובת דער קירכע — אַזעלכע און ענלעכע סיבות האָבן גורם געווען צו דער אויסבילדונג פון אַ ספּעציעלן

סיסטעם הלוואות, וואָס איז באַשטאַנען פון באָרג-געשעפטן אויף אומ־באַוועגלעכע משכנות.

די שליאַכטע און די קירכע-שררות האָבן זיך צוליב דער אומבאַוועגלעכקייט פון זייערע פאַרמעגנס כסדר גענויטיקט אין באַרגעלט. דערביי איז דאָסדאָזיקע באַדערפעניש נישט געווען אַזוי לייכט צו באַפרידיקן, ווייל אין פאַרקער פלעגט זיין אַ קליינער סכום איידל מעטאַל און די מינץ-פאַרהעלטענישן פלעגן כסדר זיין קלאָגעדיקע.

אויב מיר וועלן נאָך נעמען אין באַטראַכט דעם כראָנישן פינאַנציעלן דוחק פון די פוילישע קעניגן און פירשטן, וועלן מיר האָבן אויסגערעכנט די וויכטיקסטע אַלגעמיינע פאַקטאָרן, וואָס האָבן געשאַפן אַ גינסטיקע קאָניוקטור פאַר יידישע באַנק-געשעפטן.

אין פוילן האָבן אָבער אויך געווירקט ספּעציעלע מאָמענטן פאַר אַזאַ קאָניוקטור. באַזונדערס קומט דאָ אין באַטראַכט די השפעה, וועלכע ס'האָט געהאַט אויפן יידישן קרעדיט-געשעפט דער דורות-לאַנגער קאַמף, וואָס האָט זיך געפירט צווישן דעם בירגערטום און דער היימישער באַפעלקערונג.

דאָס איז געווען אַ געראַנגל פון צוויי פעלקער, צו וועלכן ס'האָבן גורם געווען די אונטערשיידן פון שפראַך, געזעץ, מנהגים, וועלט-אַנשויונג.

דער דייטש און דער פאָליאַק! ווען די ראַסן-שנאה האָט זיך איינגעשטילט און די שטעט האָבן זיך אָנגעהויבן צו פּאָלאָניזירן, איז דער אַנטאַגאָניזם לגמרי נישט פאַרשוואונדן. ער האָט זיך אַנטפּלעקט אין אַ נייער פאָרם.

אויב עס האָט פריער געקעמפט דער פאָליאַק — דער דאָרפס-מענטש מיטן דייטש—דעם שטאָט-מענטש, קעמפט איצט דער דאָרפס-מענטש מיטן שטאָט-מענטש. אויפן אָרט פונם ראַסן-אַנטאַגאָניזם איז געקומען דער אַנטאַגאָניזם צווישן דאָרף און שטאָט.

מיט אומרו קוקט די שליאַכטע אויף דעם וואוילשטאַנד פונם בירגערטום, אויף דער נייער פינאַנץ-מאַכט, וואָס וואַקסט לויט איר באַגריף אויפן חשבון פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער פּראָדוקציע. זי קעמפט קעגן די שטעט ווי קעגן אָרגאַניזאַציעס, וואָס זענען לויט איר מיינונג — באַשטימט אויף צו צווינגען די ערד-באַזיצער, אַז זיי זאָלן אָפּגעבן זייער תבואה פאַר די סאַמע ביליקסטע פרייזן.

דער תהום, וואָס האָט אָפּגעטיילט ביידע לאַגערן, איז געווען די סיבה דערפון, וואָס אַ שליאַכטשיץ פלעגט זיך זעלטן ווען אַריינלאָזן אין געלט-עסקים מיט די פּאַטריציער פון די שטעט. דערפאַר אָבער פלעגט ער זוכן אַן אָנשפּאַר אין די יידישע קאַפּיטאַלן.

איידער מיר וועלן ווייזן, אין וואָס פאַר אַ מאָס די יידן האָבן אויסגענוצט די קאָניונקטור פאַר קרעדיט-אָפּעראַציעס, מוז נאָך באַמערקט ווערן, אַז זיי זענען לגמרי נישט געווען די איינציקע, וואָס האָבן געוואוכערט אין פוילן. פונקט ווי אין מערב-אייראָפּע, האָט אויך אין פוילן די אַנטוויקלונג פון דער געלט-ווירטשאַפט גורם געווען דערצו, אַז קריסטן האָבן, נישט געקוקט אויף די „הימלישע און ערדישע שטראָפן", מיט וועלכע די קירכע האָט געדראָט פאַר וואוכער-געשעפטן—געטריבן וואוכערישע קרעדיט-אָפּעראַציעס בפרהסיה אָדער אונטער פאַרשלייערונגען, ווי, אַ שטייגער אין דער פאָרם פון אָפּמאַכן וועגן אָפּקויפן רענטעס, הלוואות מיטן רעכט צו באַנוצן דעם דערלאַנגטן משכון, פאַרקויף-קאָנטראַקטן אויף קרעדיט וכדומה.

באַזונדער פיל קריסטלעכע וואוכערניקעס האָבן אָפּערירט אין די געגנטן פון גניעזנאָ, פויזן און קראָקע, ווי אויך אין מאַזאָוויע. דער איסור, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אויף די קירכלעכע צוזאַמענפאָרן אין די יאָרן 1320, 1402 און 1420, האָבן — ווייזט אויס — געהאַט אַ קנאַפּן דערפאָלג.

נישט זעלטן פלעגט דער קלער אַליין טרייבן וואוכער. אַזוי, אַ שטייגער, מוסרט אים דער קירכע-צוזאַמענפאָר פון י. 1402, אַז ער זאָל מאַכן אַ סוף צו דער וואוכער-טעטיקייט זיינער („ne clerici usuras exerceant").

אַרום דער מיט פון 15-טן י״ה פירט זיך אַ פּראָצעס קעגן אַ גלח פון כאָטשישין, אַז ער האָט געהאַלטן אַ דרשה אין קירכע, אין וועלכער ער זאָל האָבן געזאָגט, אַז דער וואוכער שטייט נישט אין קיין סתירה מיט געטלעכע און קירכלעכע געזעצן...

די הויפּט-נעסט פון די קריסטלעכע וואוכערניקעס איז, משמעות, געווען מאַזאָוויע. אינם וואַרשעווער סטאַטוט פון י. 1401 דערציילט זיך וועגן דעם, אַז קריסטלעכע וואוכערניקעס האָבן אַ סך גוטס-באַזיצער דערפירט צו אַ קאַטאַסטראָפע.

אַרום דערזעלבער צייט שרייבט דער פּלאָצקער בישאָף, אַז אין

שטח פון זיין פאַראַפיע לעבן קריסטן, וועלכע ער קען מיטן נאָמען, וואָס טרייבן בפרהסיה וואוכער און זאָרגן נישט „וועגן אויסלייזן די נשמות"... ביים סוף פון 15-טן י"ה האָבן אין פוילן געוואוכערט אַלע שיכטן, אַפילו די שליאַכטע. כאַראַקטעריסטיש איז אינם דאָזיקן פּרט די פאַרטיידיקונג פון איינעם אַ שליאַכטשיץ, וואָס איז אין י. 1499 פאַרקלאָגט געוואָרן פאַרן וולאָצלאַוועוער קירכע-געריכט פאַר וואוכעריי. דער שליאַכטשיץ פאַרענטפערט זיך פשוט דערמיט, אַז דאָס וואוכער-טרייבן איז אַן אַלטער און אַלגעמיינער מנהג פון די ערד-באַזיצער. אַ סך ערד-באַזיצער אין דער מלוכה — דערציילט ער אָפנהערציק פון חדר — באָרגן אויף באַוועגלעכע און אומבאַוועגלעכע משכנות און נעמען צינזן און אַרבעטס-לייסטונגען פון פויערים, באַרעכענענדיק דאָס אַלס פּראָצענטן פונם אַנטליענעם קרן...*).

מיר גייען אַריבער צו די אָפּעראַציעס פון יידישע באַנקירן: די באַדייטנדסטע באַנק-הייזער פון יידן באַגעגענען מיר אין דער באַהאַנדלטער תקופה אין די צענטראַלע שטעט פון די פוילישע פּראָווינצן, דהיינו, אין פּויזן, קראָקע, לעמבערג, וואַרשע און לוצק. די גרופּע פּויזנער באַנקירן אין געווען די גרעסטע, זי האָט געציילט ביים סוף פון 14-טן י"ה ביז 50.

אין קראָקע האָבן אין דערזעלבער צייט געטריבן וואוכער-געשעפטן אַן ערך 20 באַנקיר-משפחות. אין וואַרשע האָבן אין דער ערשטער העלפט פון 15-טן י"ה געלעבט פון וואוכער-געשעפטן 4–5 יידישע משפחות.

דידאָזיקע ציפערן זאָגן עדות, אַז מיט וואוכעריי-געשעפטן האָט זיך פאַרנומען נישט קיין איבעריק גרויסער פּראָצענט יידן, וואָרים אין דידאָזיקע צייטן האָבן אין פּויזן און קראָקע געלעבט מינימום צו 200 יידישע משפחות, בעת די וואַרשעווער קהילה האָט לויט אַ

*) וועגן דערדאָזיקער „פאַרטיידיקונג" האָבן מיר אין די קוועלן אַזאַ באַריכט:

„... confessus est (nobilis Jarunthowsky) mutuasse pecunias ad pignora et agros et percepisse et percipere census et labores ab kmetonibus provenientes sub exportacione capitalis summae, prout alias per multos terrigenas in regno, ut asserit, de consuctudinc dudum fuit tentum et conservatum" (Monumenta medii acvi, T. XVIII p. 263).

דערהאַלטענער רשימה פון „צענזוס"-אָפּצאָלן פון י. 1423 געציילט אין דער ערשטער העלפט פון 15-טן י"ה ביז 45 משפּחות. וואָס ווייטער קיין מזרח, אַלץ ווייניקער באַגעגענען מיר יידישע פּראָפעסיאָנעלע וואוכערער.

אין אַזאַ וויכטיקן האַנדלס-צענטער, ווי לעמבערג, טרעפן מיר נאָר געציילטע יידישע באַנקירן און דאָסזעלבע אויך אין לוצק.

אין דער גרויסער גרופּע פּויזנער וואוכערער לאָזן זיך בעת דער באַהאַנדלטער תּקופה פעסטשטעלן בלויז 3 באַדייטנדיקע באַנק-פירמעס און דאָס זענען געווען די באַנקהייזער פון מישקאַ דעם גביר, פון דעם ייד ירדן און פון דעם ייד אהרן.

מישקאַ איז געווען אַ שליאַכטשיצער באַנקיר par excellence. זיין קליענטעלע באַשטייט ס'רוב פון רייכע ערד-באַזיצער און די געשעפטן זיינע נעמען אַרום נישט בלויז גרויס-פּוילן, נאָר זיי גרייכן אויך קיין פּאָמערן.

וועגן דעם פאַרנעם פון זיין געשעפטס-פּראַקטיק און דער גרויס פון זיינע קאַפּיטאַלן זאָגט עדות אַ הלוואה-געשעפט פון 1000 מאַרק (איבער 5000 דאלאַר), וועלכעס ער האָט אין י. 1396 דורכגעפירט צוזאַמען מיט זיין זון דניאל און דעם פּויזנער ייד מאַגלין.

נאָכן טויט פון מישקאַ (אַרום י. 1410) האָט די באַנק-פירמע איבערגענומען דאָס ווייב זיינס, נחמה, און זי האָט די געשעפטן גע-פירט צוזאַמען מיט די 3 פאַרבליבענע זין: דניאל, לאָזער און אברהם.

אין דעם באַנקהויז פון דעם צווייטן פּויזנער גרויס-ייד, ירדן האָבן געאַרבעט אַ חוץ ירדנען דאָס ווייב זיינס, גערופן ירדנאָוואַ, דער זון אברהם און אַ באַפולמעכטיקטער מיטן נאָמען שבתי אָדער זבדי (Sabday). זיי באַרגן כמעט אויסשליסלעך אויף היפּאָטעקן אָדער אויף ערבות. די קליענטן זייערע זענען געווען, פּונקט ווי ביי מישקאַ דעם גביר, ס'רוב אַדל-לייט. די געשעפטן פון ירדנען האָבן צומאָל אַרויסגערופן העפטיקע פּראָטעסטן מצד די ערד-באַזיצער, וועמענס נחלאות עס זענען געווען פאַרמשכּונט ביי דעם יידן. פון די דריי אָנגעמערקטע פּויזנער באַנק-פירמעס איז די רירעוודיקסטע און רייכ-סטע געווען די פירמע פונם באַנקיר אהרן. אַ חוץ אהרנען האָבן אין איר געאַרבעט זיינע צוויי זין אברהם און יצחק, ווי אויך דער איידעם זיינער דניאל. די קליענטעלע איז באַשטאַנען דער עיקר פון דער אַרומיקער שליאַכטע, און אין די געריכטס-ביכער ווערן אויפגע-

ציילט אַ צוויי צענדליק דערפער, וואָס זענען געווען ביי דעם באַנק-הויז פאַרמשכונט.

צווישן די בעלי-חובות פון דער באַנקיר-משפחה באַגעגענען מיר דעם קעניג וולאַדיסלאַוו יאַגיעלאָ און אַזעלכע הויכגעשטעלטע שררות, ווי דער קאַלישער וואָיעוואָדע, דער גיעטשער קאַשטעלאַן, דער קאַלישער שר-המשקים וכדומה. אהרנס תביעות צו איינצלנע בעלי-חובות דערגרייכן ביז 100, 200 און אַפילו ביז 700 מאַרק.

פון יידישע באַנקירן אין דער פויזנער פראָווינץ האָבן אין דער באַהאַנדלטער תקופה אַרויסגעוויזן אַ גרעסערן פאַרנעם דוד פון קאַליש, וואָס האָט זיך אַרום י. 1354 אַריבערגעצויגן קיין ברעסלע און יעקב פון קאַליש, וואָס האָט אין די יאָרן 1414 און 1416 אינאיינעם מיט אַ פּאָר ברעסלער יידן אַנטליען דעם פירשט פון בריג (אין שלעזיע) און דעם ברעסלער שטאָט-ראַט גרעסערע סכומים (780 און 116 מאַרק).

די באַדייטנדיקסטע יידישע קאַפּיטאַליסטן פון יענער צייט באַגעגענען מיר אין דער רעזידענץ-שטאָט קראָקע, וואָס איז געווען דער זיץ פון די קעניגן פון דעם הויף און פון אַ רייכן בירגערטום.

אַלס בעלי-חובות פון די יידישע באַנקירן אין קראָקע ווערן אין די קוועלן פאַרנאָטירט קעניגן, פירשטן, וואָיעוואָדעס, קאַשטעלאַנען, ערצבישאָפן, בקיצור די סאַמע פראָמינענטסטע פערזענלעכקייטן פונם דעמאָלטיקן פוילן.

עס פעלן אויך נישט קיין בעלי-חובות פון צווישן דעם קליינעם אַדל און פון דעם פּאַטריציער-שיכט. וועגן די גרויסע פאַרמעגנס פון דער קראָקעווער גרופּע באַנקירן זאָגן עדות אַ פּאָר ציפערן, וואָס ווערן געבראַכט דורך די קוועלן אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם געלט-דוחק פון די קעניגן.

אַזוי, אַ שטייגער, זאָל האָבן קאַזשימיעזש דער גרויסער אַמאָל באַקומען פון די קראָקעווער באַנקירן אַן אימפּאָזאַנטן סכום פון 15.000 מאַרק (לערך 75.000 דאָלאַר). קעניג לודוויג דער אונגער איז געווען ביים קראָקעווער באַנקיר לעווקאָ פאַרשולדיקט איינמאָל אויף 30.000 גילדן (לערך 120.000 דאָלאַר), אַ צווייט מאָל אויף 3.000 גילדן.

ביי דעמזעלבן לעווקאָ זענען אויך געווען פאַרשולדיקט קעניג וולאַדיסלאַוו יאַגיעלאָ און די קעניגין יאַדוויגאַ. פון די תביעות,

וועלכע לעווקאָ האָט געהאַט צום דאָזיקן קעניגס-פּאָר, ווערן אין די קוועלן פאַרנאָטירט אַזעלכע סכומים: 500 מאַרק, 80 מ., 500 מ., 50 מ., 1.500 מ., 1.100 מ. און 100 מ. — צוזאַמען 3.830 מאַרק (העכער 15.000 דאָלאַר).

פון די באַטרעפנדיקע פאַרצייכענונגען דרינגט אָבער אַרויס, אַז דאָס זענען בלויז געווען ברוכטיילן פון תובות און אַז די חובות האָבן פאַקטיש באַטראָפן באַדייטנד גרעסערע סכומים. ביי אַ גרופּע קראָקעווער באַנקירן (לעווקאָ, אַנדרעאַס (!), שמערלין און יאָסמאַן) זענען געווען ביים סוף פון 14-טן י"ה פאַרמשכּונט אַלע אומבאַוועגלעכע און באַוועגלעכע גיטער פונם מאַזאָווישן פירשט זשיעמאָוויט, און ווען די קעניגין יאַדוויגאַ האָט אין י. 1385 אונטערהאַנדלט מיטן דאָזיקן פירשט, אַז ער זאָל איר איבערגעבן די קויאַווער פּראָווינץ, האָט זי אים צוגעזאָגט, אַז זי וועט דערפאַר דעקן אַלע זיינע חובות ביי די קראָקעווער יידן.

סוף-כל-סוף זענען די חובות באַצאָלט געוואָרן דורכן קעניג וולאַדיסלאַוו יאַגיעלאָ (1398). זייער גרויס איז נישט באַוואוסט, נאָר מען קאָן לויט דעם דערמאָנטן משכּון (דאָס גאַנצע פאַרמעגן פונם פירשט!) משער זיין, אַז זיי האָבן געמוזט זיין באמת פירשטלעכע...

אַלס אילוסטראַציע פאַר דער קאַפּיטאַל-מאַכט פון דער קראָקעווער גרופּע באַנקירן קאָנען אויך דינען אייניקע סכומים, וועלכע זיי האָבן געהאַט צו מאָנען ביי מאַגנאַטן: זיי באַטרעפן טיילמאָל 450, 700, 1000 און אַפילו 1.400 מאַרק. אָבער אויך צווישן די קראָקעווער פּאַטריציער באַגעגענען מיר צומאָל אַזעלכע, וואָס זענען געווען פאַרשולדיקט ביי יידן אויף זייער באַדייטנדיקע סכומים.

אַזוי, אַ שטייגער, זענען דעם הויף-באַנקיר לעווקאָ געקומען ביי די אָפּשטאַמער פון דער באַרימטער קראָקעווער פּאַטריציער-משפּחה וויעזשינעק אַזעלכע געלטער, ווי 1.100 מאַרק, 49 מאַרק מיט ציַנזן פאַר 20 יאָר א. אַז. וו.

פון די טראַנזאַקציעס, וואָס זענען פאַרצייכנט אין די קוועלן, באַקומט זיך דער איינדרוק, אַז פון דער קראָקעווער גרופּע באַנקיר-משפּחות האָבן בעת דער באַהאַנדלטער תּקופה בלויז פיר געטריבן געשעפטן אין גרויסן סטיל.

דאָס זענען געווען די משפּחות פונם פוילישן „ראָטשילד", דעם עפּטערס שוין דערמאָנטן הויף-באַנקיר לעווקאָ (דעם שטאַם-פאָטער

פון דער משפחה לעוווקאָוויטש), פונם יידן שמערלין, פון דעם יידן יאָסמאַן און פון דעם יידן אַנדרעאַס (!).

לעוווקאָ האָט זיך אַ חוץ באַנקיר-געשעפטן אויך פאַרנומען מיט גרויסע אַרענדעס. ער איז געווען — ווי שוין באַוואוסט — דער פאַכ-טער פון דער קעניגלעכער מינץ, פון די וויעליטשקער און באָכניער זאַלץ-גרובן און פון די אָפּצאָלן לטובת דעם קראָקעווער שטאָט-פאַר-וואַלטער. ער האָט פאַרמאָגט אין קראָקע אייניקע הייזער און פּלעצער, ווי אויך אַן אייגענע ברויערײַ.

אין די קוועלן ווערט ער צומאָל טיטולירט, ווי די אָנגעזעענסטע פּאַטריציער, מיט די ווערטער „vir discretus” דהיינו „אַן ערלעכער מאַן”.

וועגן זיינע רייכטימער זענען אין דער שטאָט אַרומגעגאַנגען לעגענדעס. מען האָט דערציילט וועגן עפּעס אַ רינג, וועמענס כישוף ער האָט געהאַט צו פאַרדאַנקען זיין עשירות.

לעוווקאָ איז געשטאַנען אין געשעפטלעכע פאַרבינדונגען מיט דער רייכער שווידניצער משפחה פונם באַוואוסטן באַנקיר און למדן ר' דוד פאַלק. נאָך זיין טויט (1395) האָבן מיט דעם באַנק-הויז אָנ-געפירט די יורשים זיינע: די אַלמנה סווענקא און די זין אַברהם, כנען און ישראל. די לעצטע טראַנזאַקציעס פון לעוווקאָס זין זענען פאַר-צייכנט אין י. 1422.

שמערלין איז געווען אַ זון פון קראָקעווער „יידן-בישאָף” שמואל (Smoyl) און ער האָט באַוויזן מיט זיין קליינער ירושה אַזוי געשיקט צו אָפּערירן, אַז ער האָט איינגיכן דערגרייכט דעם שם פון אַן ערשט-ראַנגיקן באַנקיר.

ער האָט פאַרמאָגט אין דער שטאָט 2 געמויערטע הייזער און אַ ברויערײַ. זיין קליענטעלע איז באַשטאַנען דער עיקר פון אַדל-לייט און גלחים. וועגן דעם פאַרנעם פון זיינע געשעפטן זאָגט עדות אַ הלוואה פון 700 מאַרק, וועלכע ער האָט אין י. 1404 דערלאַנגט אַן ערד-באַזיצער, נעמענדיק אַלס משכון דריי דערפער. וועגן שמערלינס געשעפטן זענען פאַרבליבן ידיעות ביז דעם יאָר 1410. זיין ווייב שרה און זיינע צוויי קינדער האָבן אין י. 1412 אָנגענומען דעם קריסט-לעכן גלויבן.

די סיבות פונם שמד זענען נישט באַוואוסט.

יאָסמאַן האָט אָפּערירט דער עיקר צווישן קליינע אַדל-לייט

און מיעשטשאַנעס. יאַסמאַנס גרעסטע געלט־טראַנזאַקציע, וואָס ווערט פאַר־צייכנט אין די קוועלן, האָט באַטראָפן 1000 מאַרק. געוויינלעך פלעגט ער באָרגן ביז 50 און 100 מאַרק.

וועגן דער גרויס פון זיין פאַרמעגן זאָגט עדות דער פאַקט, וואָס ער איז געווען איינער פון די 4 באַנקירן, וואָס האָבן פינאַנ־סירט דאָס פריער דערמאָנטע הלוואה־געשעפט מיטן מאַזאָווישן פירשט זשיעמאָוויט. צו יאַסמאַנען האָבן אין דער שטאָט באַלאַנגט 3 הייזער, אַ גרויסער פלאַץ און דאָס יידישע באָד־הויז. נאָך זיין פטירה (אַרום י. 1406) האָבן מיט די געשעפטן אָנגעפירט די זין זיינע: שמחה, יקותיאל (Chusil), עלי און שמואל.

אַנדרעאַס האָט זיך באַטייליקט אין דער טראַנזאַקציע מיטן מאַ־זאָווישן פירשט. וועגן זיין גרויסן באַנקירישן פאַרנעם באַווייזט אויך אַ קוועלן־ידיעה, דאָס ער האָט איינעם אַן אַדל־מאַן אַנטליען אַ סכום פון 1.400 מאַרק.

אַ טייל קראָקעווער באַנקירן זענען, ווי ס'ווייזט אויס, געווען שלעזישע יידן, וואָס האָבן קיין פוילן איינגעוואַנדערט ביים איבער־ברוך פון 14־טן און 15־טן י"ה. אַ חוץ קאַפּיטאַלן האָט דערדאָזיקער שלעזישער עלעמענט אַריינגעבראַכט אויך אַ גרויסע געניטקייט אין געלט־עסקים, ווארים אינדערהיים איז ער געווען אָנגעוויזן אויסשליס־לעך אויף קרעדיט־געשעפטן.

וועגן דער גרויסער רירעוודיקייט פון די קראָקעווער באַנקירן זאָגט עדות דער פאַקט, אַז זיי האָבן באַוויזן צו פאַרשפּרייטן זייערע באַנק־אָפּעראַציעס נישט בלויז איבער קליין־פוילן, נאָר אויך איבער גרויס־פוילן, שלעזיע, מאַזאָוויע און אין ווייטערן מזרח איבער וואָלין.

אום צו פינאַנסירן גרעסערע געשעפטן, פלעגן זיי זיך פאַר־בינדן אין שותפות־געזעלשאַפטן, ווי מיר האָבן דאָס געזען ביי דער טראַנזאַקציע מיטן מאַזאָווישן פירשט.

מיט קראָקע פאַרלאָזן מיר דאָס צענטרום פון יידישע באַנקיר־געשעפטן.

אין וואַרשע, דער רעזידענץ פון די מאַזאָווישע פירשטן, באַגעגענען מיר אין אונזער תקופה בלויז אייניקע, אַגב, צוויי[ט]־ראַנגיקע יידישע וואוכערניקעס (אליעזר, אַלעקסאַנדער, דוד, שפּרינצע, יצחק). די הלוואות, וועלכע ס'באַקומען פון זיי איינצלנע בעלי־חובות, שטייגן זעלטן איבער 20—30 מאַרק.

נאָך גרויסע סכומים האָבן זיך די מאַזאָווישע שררות געמוזט ווענדן צו די קראָקעווער באַנקירן. די קליענטעלע פון די וואַרשעווער וואוכערניקעס איז באַשטאַנען דער עיקר פונם קליינעם אדל.

וואָס שייך די פאַרהעלטענישן אין ר ײ ס ן, באַקומט זיך פון די טראַנזאַקציעס, וואָס זענען פאַרצייכנט אין די קוועלן ביזן יאָר 1425, דער איינדרוק, אַז נישט דער וואוכער, נאָר דער האַנדל, ערד-אַרבעט און אַרענדעס האָבן דאָ געשפּילט אַ דאָמינירנדיקע ראָלע אינעם יידישן ווירטשאַפטס-לעבן.

דאָס שטייט, אַגב, אין אַ צוזאַמענהאַנג דערמיט, וואָס די געלט-ווירטשאַפט איז דעמאָלט אין רייסן געווען ווייט הינטערשטעליק אין פאַרגלייך מיט די מערבדיקע פּראָווינצן פון פּוילן.

אַ גרעסערן אָנשפּאַר פאַר דער געלט-ווירטשאַפט האָט אין דער רייסישער מדינה פאַרגעשטעלט מיט זיך בלויז ל ע מ ב ע ר ג, וואו עס האָט זיך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען אַ באַדייטנדיקער האַנדלס-צענטער פאַר מזרח-סחורות.

די הלוואה-געשעפטן, וואָס ווערן דורך די רייסישע יידן דורכ-געפירט אין דער באַהאַנדלטער תקופה, טראָגן אין דער גרעסטער צאָל פאַלן אַן אויסגעשפּראָכענעם האַנדלס-כאַראַקטער: זיי זענען קורצטערמיניקע, געוויג אָפטע און נישט קיין איבעריק גרויסע. אַגב, איז דאָ אויך די קליענטעלע פון די יידישע וואוכערניקעס ס'רוב באַשטאַנען פון מיעשטשאַנעס.

אַלס באַדייטנדסטער רייסישער באַנקיר טרעט אַרויס אין אונזער תקופה דער לעמבערגער ייד וואָלטשקאָ. מיר האָבן זיך שוין פריער באַקענט מיט זיין קאָלאָניזאַטאָרישער טעטיקייט און מיר האָבן אים באַגעגנט צווישן די רייכע צאָל-אַרענדאַרן, וואָס האָבן אָפּערירט אין אָנהויב פון 15-טן י"ה. דאָס באַנק-געשעפט איז נישט געווען זיין הויפּט-געשעפט, נאָר גיכער אַ נעבן-באַשעפטיקונג, צו וועלכער ער איז געשטויסן געוואָרן דורך די באַציונגען זיינע מיטן קעניגלעכן הויף. אַ ראיה, אַז צווישן זיינע בעלי-חובות באַוויַיזן זיך זעלטן ווען רייסישע שררות, על פי רוב זענען עס געווען מאַגנאַטן פון גרויס-פּוילן און קליין-פּוילן.

דאָסגלייכן קאָן אויך געזאָגט ווערן וועגן דעם ייד דעטקאָ פון דראָהאָביטש, וועלכן מיר האָבן אין יאָר 1425 באַגעגנט צווישן די פּאַכטערס פון זאַלץ-גרובן.

וואָס שייך די פּראָפעסיאָנעלע באַנקירן, שטויסן מיר זיך אָן אין די אַקטן בלויז אויף דריי אַזעלכע, וואָס האָבן אָפּערירט אויפן רייסישן שטח. דאָס זענען געווען די לעמבערגער יידן שלמה (סוף 14-טן י״ה), יעקב און שאַנאַ (Schana). זייער קליענטעלע איז באַשטאַנען דער עיקר פון מיעשטשאַנעס.

פון די וואָלינער באַנקירן איז אונז אויס דער באַהאַנדלטער צייט באַוואוסט בלויז איינער — דער לוצקער ייד יעקב סלאָמ-קאָוויטש, וואָס האָט אין וואָלין געשפּילט מער אָדער ווייניקער דיזעלבע ראָלע, וועלכע ס׳האָט געשפּילט אין רייסן דער רירעוודי-קער וואָלטשקאָ צאָלנער.

סלאָמקאָוויטש איז דורך געלט-עסקים געווען צונויפגעבונדן מיט דעם קראָקעווער „ראָטשילד" לעווקאָ און מיט די זין זיינע כּנען און אברהם.

ביים אָנהויב פון 15-טן י״ה האָט זיך אין לוצק באַזעצט שמחה, דער זון פונם רייכן קראָקעווער באַנקיר יאָסמאַן, נאָר עס איז נישט באַוואוסט, צי ער האָט אינם נייעם וואוינאָרט געשפּו-נען די באַנקירישע טראַדיציע פון זיין משפּחה.

די באַהאַנדלטע תּקופה פון יידישע געלט-געשעפטן לאָזט זיך אין אַלגעמיין כאַראַקטעריזירן אַלס בלי-תּקופה פונם דאָזיקן יידישןווירטשאַפטס-צווייג.

די באַנקירן זענען נישט געווען אונטערגעוואָרפן קיין שום גע-זעצלעכע באַגרענעצונגען און די געריכטן פלעגן זיי ווי געהעריק אונטערשטיצן ביים איינציען די תּביעות. די הלוואות פלעגן געגעבן ווערן אויף היפּאָטעק, באַוועגלעכע משכּנות, ערבות און אָבליגאַציע-בריוו (שטרי-חובות). דער צינז-פוס פלעגט באַטרעפן צווישן 54% ביז 108 1/2%.

לויטן ווישליצער סטאַטוט פון י. 1347 האָבן די יידן ביי שטרי-חובות געמעגט באַרעכענען צינזן נישט מער, ווי פאַר צוויי יאָר. דאָס געזעץ איז אָבער געבליבן אָן שום ווירקונג און די גע-ריכטן פלעגן די יידן צופּסקענען צינזן פאַר 10, 16, 20 און אַפילו פאַר 26 יאָר.

ווען עס האָט דעם בעל-חוב אויסגעפעלט מזומן געלט, פלעגט ער דעם יידישן וואוכערניק אָפּצאָלן די צינזן מיט בהמות, פערד, עופות, אויבסט, תּבואה, האָניג וכדומה.

אין מאַזאָוויע האָבן די געריכטן געפֿירט „יידן־ביכער" פֿאַר יעדן באַדייטנדיקן וואוכערניק באַזונדער. אין די ביכער האָט מען פֿאַרנאָטירט יעדע געלט־טראַנזאַקציע, וועלכע אַזאַ וואוכערניק האָט אָפּגעשלאָסן מיט זיינע קליענטן.

אין דעם צווייטן יאָרצענדליק פֿון 15־טן י"ה מערקט זיך אַ באַוועגונג צווישן די שררות קעגן יידישע הלוואה־געשעפֿטן אויף היפּאָטעקן און שטרי־חובות. אין י. 1420 נעמען אָן די קירכע־שררות אויף אַ צוזאַמענפֿאָר אין קאַליש אַ החלטה וועגן ווענדן זיך צום קעניג, אַז ער זאָל אַנטקעגנווירקן דעם דרוק, וואָס ווערט געשאַפֿן דורכן „גרויסן וואוכער" פֿון די יידן.

אַלס פּועל יוצא דערפֿון גיט אַרויס וולאַדיסלאַוו יאַגיעלאָ אין י. 1423 אַ געזעץ (דעם אַזויגערופֿענעם „סטאַטוט פֿון וואַרטע"), מיט וועלכן ער פֿאַרווערט די יידן צו לייען אויף היפּאָטעקן און שטרי־חובות, דערלויבנדיק זיי צו נעמען אויסשליסלעך באַוועגלעכע משכנות.

§ 125 יידישע קרעדיט־געשעפֿטן פֿאַר די יאָרן 1423—1500.

דער „סטאַטוט פֿון וואַרטע" האָט געהאַט אַ באַדייטנדיקע ווירקונג אויף דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פֿון דעם יידישן קרעדיט־געשעפֿט. פֿון די קוועלן־ידיעות, וואָס אילוסטרירן אונז די יידישע קרעדיט־אָפּעראַציעס אין גרויס־פּוילן און קליין־פּוילן, לאָזט זיך אַרויסדרינגען אַ שטאַרקער צוריקגאַנג זינט דעם יאָר 1423. זעלטן טרעפֿן זיך ליי־אָפּמאַכן אויף דאָרפֿישע מאַיאָנטקעס, דאַקעגן ווערן נאָך אָפֿטער געמאַכט הלוואות אויף אומבאַוועגלעכע גיטער אין די שטעט, ווי, אַ שטייגער, אויף הייזער און פּלעצער.

בכלל לאָזט זיך מערקן אַן איבערבייט אין דער קליענטעלע פֿון די יידישע באַנקירן: אויפֿן אָרט פֿון דער שליאַכטע, רוקן זיך אַרויס אין פֿאָדערגרונט אַלץ מער שטאָטישע עלעמענטן, בפֿרט האַנטווערקער. דאָס יידישע קרעדיט־געשעפֿט באַקומט צוליב דעם אַלץ מער דעם כאַראַקטער פֿון אַ לאָמבאַרד־געשעפֿט.

אין די דריי יאָרצענדליקער 1423—1453 זעט אויס דאָס יידישע

קרעדיט-געשעפט אין די פריערדיקע צענטערס זיינע, ווי א שאטן פון דעם אמאליקן גלאנץ...

אין פויזן באגעגענען מיר אין דערדאזיקער צייט קוים 4 יידישע באנקיר-משפחות (ישראל, מענלין דער רויטער, פסח (Pessak) און שלמה, גערופן דער „גרויסער"). פון זיי איז בלויז איינע פון א גרעסערן פארנעם (געווען איז עס די משפחה פונם איינגעוואנדערטן שלעזישן יידן, שלמה דעם „גרויסן", אין וועמענס באנק-הויז עס האבן געארבעט אויך שלמהס זון אברהם און דער איידעם זיינער אהרן).

פון די הלוואות, וואס ווערן אנגעמערקט אין די אקטן, שטייגט נישט איבער קיין איינציקע די סומע פון 50 מארק. ס'רוב זענען עס קליינע סכומים פון 2 ביז 30 מארק.

מען בארגט על-פי-רוב אויף באוועגלעכע משכנות, זעלטן אויף הייזער אדער ערבות. דער נארמאלער צינז איז 36%, עס טרעפן אויך טיילמאל הלוואות אויף 86%.

דאסזעלבע בילד זעען מיר אויך אין קראקע: אומזיסט זוכן מיר צווישן די קראקעווער יידן די נאכפאלגער פון די פריערדיקע קעניגלעכע און שליאכטשיך-באנקירן. די גרויסע קאפיטאלן פון די לעווקאס, יאסמאנס, שמערלינס וכדומה זענען צעזרונען געווארן אין די הענט פון די יורשים.

די תביעות פון די קראקעווער יידן, וואס לאזן זיך אויפזוכן אין די אקטן פון די יארן 1423—1453, זענען, אמת, נישט אזוי קליין, ווי אין פויזן, אבער זיי קומען נישט צו די אמאליקע געשעפטן פון די קראקעווער באנקירן, וואס האבן געגרייכט ביז טויזנטער מארק.

די שטאט-לייט פלעגן דעמאלט בארגן ביי די באנקירן ביז העכסטנס 110 גילדן, די אדל-לייט פון די דערפער — ביז העכסטנס 300 מארק.

די צאל קראקעווער באנקירן, וואס ווערן דערמאנט אין די קוועלן, איז אין דער באהאנדלטער צייט נישט גרעסער, ווי אין פויזן: סך-הכל 4 באנקיר-משפחות פון א גרעסערן פארנעם (יצחק און כנען, ביידע אייניקלעך פונם בארימטן „ראטשילד" לעווקא, מושקא-משה און שלמה).

אין דעם מאזאווישן צענטער, ווארשע מערקט זיך אין פאר-

גלייך מיט דער פריערדיקער צייט אַ געוויסער אויפשוואונג: לויט דער צאָל „יידן־ביכער", וואָס זענען באַוואוסט פון דער צייט 1423—1453, לאָזט זיך משער זיין, אַז עס האָבן דאָ אָפּעריִרט 5 גרעסערע יידישע באַנק־הייזער (די אונז שוין פון פריער באַוואוסטע באַנקירן אַלעקסאַנדער, שפּרינצע און יצחק, ווי אויך צוויי צוגעקומענע געלט־מענטשן: אברהם און אשר).

זייערע הלוואה־געשעפטן זענען ס'רוב אויף ערבות און באַ־וועגלעכע משכּנות און באַוועגן זיך אין די ראַמען ביז אייניקע צענדליק מאַרק.

אַמשוואַכסטן איז געווען די ווירקונג פונם וואַרטער סטאַטוט אין רויט־רייסן.

אין דער תּקופה, וואָס אינטערעסירט אונז דאָ, רוקט זיך אַרויס אין פאָדערגרונט מיט זיין גרויסן באַנקירישן פאַרנעם דער לעמבער־גער ייד שכנא (דער זיידע פונם באַרימטן לובלינער רב און למדן ר' שכנא). מיט זיינע געשעפטן דערמאָנט ער די „גרויס־יידן" פון דער פאַריקער תּקופה, ווי, אַ שטייגער, לעווקאָ אָדער וואָלטשקאָ. ער איז איינער פון די באַדייטנדסטע סוחרים און אַרענדאַרן אין רויט־רייסן און ער טרייבט אין צוזאַמענהאַנג דערמיט אויף באַנקיר־געשעפטן.

אין י. 1444 האָט ביי אים דער קעניג פאַרמשכּונט אויף 500 מאַרק אַ פּאַלאַץ אין לעמבערג. צו זיינע קליענטן באַלאַנגען אַ חוץ דעם קעניג אויך אַזעלכע מאַגנאַטן און שררות, ווי דער פירשט שווידריגיעלאָ, דער פּאָדאָליער וואָיעוואָדע הריטשקאָ, וואָס האָט ביי אים פאַרמשכּונט אויף 200 שאָק דאָס דאָרף וויניקי, דער כעלמער קאַשטעלאַן, דער טרעמבאָוולער סטאַראָסטע און אַנדערע.

צו שכנאן פלעגן אויך אָנקומען נאָך קרעדיט קירכלעכע שררות און גרויסע סוחרים. אַזוי, אַ שטייגער, זענען אים געקומען פונם לעמבערגער ערצבישאָף 240 מאַרק, פונם איטאַליענישן סוחר פּעטראָ מעסאָפּעראָ — 127 מ. און 30 מ., פון אַ צווייטן איטאַליענער קריס־טאָף פון גענוּאַ — 100 מ., פון אַ געוויסן אַנדזשעי מאַלאַכאָווסקי — 50 מ. א. אַז. וו.

אין די באַנקיר־געשעפטן פלעגן אונזער שכנאן מיטהעלפן דאָס ווייב דינה און דער זון יוסף־יאַשקאָ (דער פאָטער פונם לובלינער

ר׳ שכנא). אין שכנא׳ס באַנק-הויז פלעגן יידן אַריינלייגן געלטער אַלס דעפּאָזיטן און פאַרגרעסערן אויף אַזאַ אופן זיין באַטריבס-קאַפּיטאַל.

פון אַנדערע מער באַדייטנדיקע יידישע געלט-מענטשן איז כדאַי אויס דערזעלבער צייט צו דערמאָנען די שליאַכטשיץ-באַנקירן: א י-זאַטשקאָ — יצחק פון לעמבערג, איזאַטשקאָ סאָקאָלאָ-וויטש פון האַליטש און דוד פון פּזשעמישל.

זיי באָרגן אויף שטרות און אומבאַוועגלעכע משכנות און די געריכטן אָנערקענען דאָס, פּונקט ווי דער סטאַטוט פון וואַרטע וואָלט לגמרי נישט געווען אין קראַפט. אַ חוץ באַנקיר-געשעפטן האָבן זיך די דאָזיקע „גרויס-יידן״ פאַרנומען אויך מיט מסחר און אַרענדעס.

אַן אַנדערן כאַראַקטער טראָגן די געשעפטן פון אַ הייפעלע יידישע משפחות אין לעמבערג, וועגן וועלכע ס׳זענען אונז פאַרבליבן פאַרצייכענונגען אין די לעמבערגער שטאָט-אַקטן פאַר די יאָרן 1440—1448: די פאַרצייכענונגען אַנטפּלעקן אונז אַ בילד פון פּראָ-פעסיאָנעלע וואוכערניקעס, וואָס אָפּערירן כמעט אויסשליסלעך צווישן שטאָט-לייט און וואָס באָרגן סכומים ביז העכסטנס 15 שאָק גראָשן, נעמענדיק אַלס זיכערשטעלונג פלערליי באַוועגלעכע משכנות.

אין י. 1453 זענען סקאַסירט געוואָרן די באַשטימונגען פונם וואַרטער סטאַטוט וועגן יידישע וואוכער-געשעפטן. עס האָט זיך באַלד דערויף אָנגעהויבן אַ שאַרפע אַקציע מצד דער קירכע און דער שליאַכטע, וואָס האָט גורם געווען דערצו, אַז דער קעניג האָט אין י. 1454 מיטן כטַטוט פון ניעשאַוואַ צוריק איינגעפירט די פריערדיקע באַגרענעצונגען, פאַרשאַרפנדיק זיי מיט אַ נייער באַשטי-מונג, אַז די תביעות פון יידן זענען גילטיק ביז 3 יאָר.

נישט געקוקט דערויף מערקט זיך זינט לערך דעם י. 1455 אַ געוויסע באַלעבונג פונם יידישן באַנקיר-געשעפט אין די אַלטע צענטרעס, ווי פּויזן און קראָקע. עס באַווייזן זיך דאָ נייע מענטשן—געניטע באַנקירן מיט גרעסערע קאַפּיטאַלן.

ס׳רוב זענען עס שלעזישע און מערישע יידן, וואָס האָבן אינם קאַטאַסטראָפע-יאָר 1453 געמוזט אַנטלויפן פון זייער שלעזיש-מערישער היים. מיר באַגעגענען אָבער אויך יידן פון עסטרייך, אונ-גאַרן, דייטשלאַנד און איטאַליע.

זיי טראָגן אַריין אין דעם ווירטשאַפטס-לעבן אַ חוץ נייע קאַ-
פיטאַלן, וועלכע זיי האָבן באַוויזן אָפּצוראַטעווען פון די אויספּלינ-
דערונגען, אַ נייעם שוואונג און אַ גרויסן סכום געשעפטלעכע דער-
פאַרונגען.

אין פּויזן באַווייזן זיך אַרום י. 1457 צוויי יידן — איינוואַנ-
דערער פון שלעזיע, וועלכע באַגרינדן דאָ אַ גרויס באַנק-הויז. איי-
נער פון זיי האָט געהייסן דניאל, דער צווייטער איז געווען דניאלס
אַ ברודער. וועגן דער גרויס פון זייערע קאַפּיטאַלן און טראַנזאַק-
ציעס זאָגט עדות אַ הלוואה אין דער גרויס פון 1.200 מאַרק, וועלכע
זיי האָבן דערלאַנגט דער שטאָט ברעסלע. אינגיכן שטייגט איבער
דניאל און דער ברודער זיינער די באַדייטנדסטע יידישע באַנקירן
פון דער פאַריקער תקופה, דהיינו, די באַנקירן-משפחה פון שלמה
„דעם גרויסן", וואָס האָט אויך געשטאַמט פון שלעזיע (פון דער
שטאָט גלאָגאָו).

חוץ דידאָזיקע געלט-מענטשן ווירקן אין פּויזן אין דער צוויי-
טער העלפט פון 15-טן י"ה נאָך איניקע באַנקירן (אשר — Assur,
קויפמאַן — Koffman און אַנדערע), וועלכע טרייבן דער עיקר לאָמ-
באַרד-געשעפטן, האָבנדיק פאַר קליענטן כמעט אויסשליסלעך סוחרים
און האַנט-ווערקער *).

אויפן קראָקעווער געלט-מאַרק מערקט זיך אַ גרעסערע באַ-
לעבונג ערשט זינט די 60-קער יאָרן. אין די אַקטן ווערן זינט דער-
דאָזיקער צייט פאַרצייכנט אָן אַ שיעור געלט-טראַנזאַקציעס פון יידן
און ס'באַקומט זיך צומאָל דער איינדרוק, אַז עס האָבן זיך אומגע-
קערט די צייטן פון די אַמאָליקע לעוואָקאָס, שמערלינס, יאָסמאַנס
וכדומה. צו די באַדייטנדסטע קראָקעווער באַנקירן-משפחות, וועלכע
מיר באַגעגענען אין משך פון די לעצטע 4 יאָרצענדליקער פון מיטל-
אַלטער, האָבן באַלאַנגט די פישלס, ווי אויך די משפחות פון דוד
גלאָווניאַ (לפידות), אברהם דעם בעם (Abraham Bohemus)
משה לעווקאָ און עוזר צאָלנער פון אָפּאָטשנע.

*) מיר ברענגען דידאָזיקע פרטים לויט די פאַרצייכענונגען אין די פּויזנער
ראַטס-אַקטן פון די יאָרן 1434—1470, וואָס זײַנען מיט 5 יאָר צוריק פאַרעפנטלעכט
געוואָרן דורכן פּויזנער אַרכיוואַריוס ד"ר קאַטשמאַרטשיק (: Kazimierz Kaczmarczyk
akta Radzieckie Poznańskie 1434—1470, Poznań 1925)

די פישלס האָבן איינגעוואַנדערט קיין פוילן, ווייזט אויס, פון פראַנקפורט ביים מאַין אָדער פון נירנבערג (אַגב, באַגעגענען מיר דאָ צום ערשטן יידן מיט אַזאַ משפחה-נאָמען).

דער פאָרשטייער פונם קראָקעווער באַנק-הויז ר׳ משה פישל האָט אין די 80-קער יאָרן פון 15-טן י״ה חתונה געהאַט מיט אַ רייכער באַנקירשע פון פראַג, מיט דער אַלמנה רחל-ראַשקאַ דער שוויגער פונם בארימטן בעל-פילפול ר׳ יעקב פּולק.

דאָס באַנק-געשעפט פונם דאָזיקן פאַר-פּאָלק האָט זיך אַ דאַנק די באַציונגען מיטן קעניגלעכן הויף דערשלאָגן צו דער מדרגה פון די סאַמע באַדייטנדסטע אין גאַנץ פוילן.

ביי די פישלס זענען געווען פאַרשולדיקט אויף טויזנטער גילדן דריי פוילישע קעניגן: קאַזשימיעזש דער יאַגיעלאָנער, ווי אויך די זין זיינע און שפּעטערע קעניגן יאַן אָלבראַכט און אַלעקסאַנדער.

די פישלס האָבן אויך געהאַט צו מאָנען באַדייטנדיקע געלטער ביים קעניגלעכן זון, דעם קאַרדינאַל פרידריך.

אום צו דעקן די חובות, פלעגן די קעניגן איבערגעבן צו די פישלס דעם „צענז״-שטייער, וואָס איז געקומען פון די יידן.

אַזוי, אַ שטייגער, באַגעגענען מיר ר׳ משה פישל אין י. 1499 אַלס איינמאָנער פונם יידן-צענז פון דער גרויס-פוילישער מדינה, און אין יאָר 1505 ווערט איינער פון די פישלס באַפולמעכטיקט איינצוציען דעם יידן-שטייער פון גאַנץ פוילן, אום אַזוי-אַרום אַרויסצובאַקומען 2000 גילדן, וועלכע די קעניגלעכע משפחה איז אים פאַרבליבן שולדיק.

די פישלס זענען אויך געשטאַנען אין זייער לעבעדיקע געשעפטס-באַציונגען מיט די קראָקעווער שטאָט-לייט. זיי פלעגן דעם בירגערטום באָרגן ס׳רוב אויף היפּאָטעקן, אויסערסט זעלטן אויף באַוועגלעכע משכנות. אינם באַנק-הויז פון משה פישל האָט געאַרבעט אַלס באַפולמעכטיקטער אַ ייד, וואָס האָט צוליב זיין אָפּשטאַמונג פון אונגאַרן געהייסן אונגער (Wangrzin, Vnger). אַ חוץ באַנקיר-געשעפטן האָבן זיך די פישלס פאַרנומען אויך מיט גרויסע צאָל-אַרענדעס (פאַרגלייך די טאַבעלע א), וועלכע מיר האָבן געבראַכט ביים אָנהויב נ בדאָזיקן קאַפּיטל).

מיט די פישלס, וואָס האָבן פאַרנומען די שטעלע פון דעם

אַמאָליקן הויף-באַנקיר לעווקאָ, האָט זיך נישט געקאָנט פאַרמעסטן קיין איינציקע פון די יידישע באַנקיר-משפחות, וועלכע מיר באַגעגע-נען אין קראָקע אין דער צווייטער העלפט פון 15-טן י"ה.

משה לעווקאָ, אַן אייניקל פונם פינאַנץ-זשעני לעווקאָ, האָט זיך פאַרנומען דער עיקר מיט לאָמבאַרד-געשעפטן, און ער האָט בלויז מיטן משפחה-נאָמען זיינעם דערמאָנט דעם אַמאָליקן גלאַנץ פון זיין באַרימטן זיידן.

דאָס באַנק-הויז פון דוד גלאָוויניא האָט עקזיסטירט אין די יאָרן 1450—1480 און עס האָבן אין אים געאַרבעט אַ חוץ דודן אויך דאָס ווייב זיינע, גערופן גלאָווינאַ, ווי אויך זיינע צוויי זין וויקטאָר און זכריה. זיי טרייבן כמעט אויסשליסלעך לאָמבאַרד-געשעפטן און אין זייער מאַגאַזין געפינען זיך גאַנצע לאַגערן פון שניט-סחורות, מלבושים, זילבערוואַרג וכדומה.

צו די זייער באַדייטנדיקע באַנקירן האָבן באַלאַנגט אברהם דער בעם און עוזר פון אָפּאָטשנע. זייער קאַריערע הויבט זיך אָן אין די 90-ער יאָרן פון 15-טן י"ה. ביים אָנהויב פון 16-טן י"ה געניסן זיי דעם שם פון אמתע „גרויס-יידן". זיי שטייען אין געשעפטלעכע פאַרבינדונגען מיטן קעניגלעכן הויף און פאַרנעמען זיך אַלס הויפישע באַנקירן אויך מיט אַזעלכע גרויס-קאַפּיטאַליסטישע אונ-טערנעמונגען, ווי צאָל-אַרענדעס.

צום וויניקסטן לאָזט זיך מערקן די השפעה פון דער נייער מענטשן- און קאַפּיטאַלן-איינוואַנדערונג אין דעם זעלבסטשטענדיקן פירשטנטום מאַזאָוויע. זינט דעם י. 1453 האָבן מיר דאָ צו טון מיט קליינע וואוכערניקעס, וואָס באַטרייבן אויסשליסלעך לאָמבאַרד-געשעפטן.

אין רייסן איז דאָס בילד דאָסזעלבע, וואָס פריער: די מינים און דער פאַרנעם פון יידישע באַנק-געשעפטן זענען געבליבן אומ-פאַרענדערט, געביטן האָבן זיך בלויז די פערזאָנען.

דעם אָרט פון די פריערדיקע „גרויס-יידן", ווי שכנא, איזאַטש-קאָ סאָקאָלאָוויטש, דוד פון פשעמישל וכדומה פאַרנעמען איצט: ר' שכנאס זין יוסף — יאָסקאָ, דער זשידאַטשאָווער גביר ר' שמשון און דער בעלזער ייד שמעון (Schania). זיי אָפּערירן דער עיקר צווישן דער שליאַכטע, לייען אויף אומבאַוועג-

לעכע משכּנות און שטרות און פאַרנעמען זיך אויך מיט מסחר און אַרענדעס.

אין י. 1461 זענען צו שמעונען פאַרמשכּונט 2 דערפער: נייַ-און צלט-שרעדניע, אין י. 1463 — דאָס דאָרף אָלכאָוויעץ. יוסף און שמעון האָבן זיך אין די 80-קער יאָרן דערשלאָגן צו דער מדרגה פון הויף-באַנקירן.

אַ חוץ דידאָזיקע „גרויס-יידן" באַגעגענען מיר אין לעמבערג — ווי פריער — אַ הייפעלע באַנקיר-משפּחות, וואָס פאַרנעמען זיך ס'רוב מיט לאָמבאַרד-געשעפטן. טיילמאָל שפּעקולירן זיי מיט הייזער און פלעצער.

קאַפּיטל פינף און פערציק

דער אַנטייל פון פּוילישע יידן אין „פרייע באַרופן". יידישע מלאכות.
(15-טער יאָרהונדערט)

126 § יידישע מעדיצין-דאָקטוירים.

פאַר אונזערע ווירטשאַפטס-געשיכטלעכע שילדערונגען קומען אין באַטראַכט נישט בלויז יענע „גרויס-יידן", וואָס האָבן אַנטוויקלט זייער טעטיקייט אַלס באַנקירן, סוחרים און אַרענדאַרן, נאָר אויך דאָס הייפּעלע יידן, וואָס האָבן באַלאַנגט צו דעם פאַרמעגלעכן שיכט אַ דאַנק אַזאַ הכנסהדיקן באַרוף, ווי דער דאָקטאָר-פאַך.

געגנויערע ידיעות וועגן יידן אין פּוילן, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיטן דאָזיקן באַרוף, ברענגען אונז די קוועלן ערשט זינט דעם אָנהויב פון 15-טן י"ה. מיר גיבן דאָ צוויי טאַבעלעס, אין וועלכע מיר מערקן אָן, אַ חוץ די נעמען פון די רופאים, אויך די צייט און אָרט פון זייער ווירקן.

ווי מיר זעען פון די טאַבעלן, באַטרעפט די צאָל יידישע דאָקטוירים, וואָס ווערן דערמאָנט אין די קוועלן פון 15-טן און פון די ערשטע 2—3 יאָרצענדליקער פון 16-טן י"ה—גאַנצע 21. מיר קאָנען אָבער משער זיין, אַז עס האָבן אין יענער צייט פּראַקטיצירט אין פּוילן אַ סך מער יידישע דאָקטוירים, וואָרים ס'רוב זענען אונז די נעמען פון די דאָקטוירים אויפגעהיט געוואָרן על-פּי צופאַל.

צווישן די אויסגערעכנטע דאָקטוירים באַגעגענען מיר אַזעלכע, וואָס האָבן איינגעוואַנדערט קיין פּוילן פון שפּאַניע, ירושלים, שלעזיע וכדומה.

1) יידן — הויפישע רופאים און כירורגן

דערמאָנט אין די יאָרן	נאָמען	דערמאָנט אין די יאָרן	נאָמען
1509—1501	יעקב יצחק דער שפאניער (Jacob Isaac Hispanus)	1542—1521	ד״ר משה פישל פון קראקע
1518—1514	משה פון בריסק	1547—1522	שמואל בר משולם פון קראקע — הויף־כירורג
1519	יעקב פון סאכאטשוויו		

2) יידישע רופאים און כירורגן

דערמאָנט אין די יאָרן	נאָמען פונם רופא און אָרט פון זיין ווירקן	דערמאָנט אין די יאָרן	נאָמען פונם רופא און אָרט פון זיין ווירקן
1435	סלאווע, דאָקטאָרקע אין ווארשע	1503	אברהם, אויגן־דאָקטאָר אין ביי־סאנץ
פון 1454 ביז 1463	ישראל פון שלעזיען, פראקטיצירט אין ווארשע	1504	יצחק, רופא פון גניעזנא
1463	שלמה, פראקטיצירט אין ווארשע	1507	איזאטשעק־יצחק פון ירושלים, פראקטיצירט אין קאזשימיעזש ביי קראקע
1465	משה פון פזשעמישל, פראקטיצירט אין קראקע	1514	אברהם, אויגן־דאָקטאָר אין קראקע
1469	שמעון, פראקטיצירט אין לעמבערג	אָנהויב 16־טן י״ה	מיכאל, רופא פון ברעסלע, פראקטיצירט אין קראקע
1469	אהרן, פראקטיצירט אין קראקע	ערשטע העלפט פון 16־טן י״ה	אברהם, רופא פון ליגניץ, פראקטיצירט אין קראקע
1495	איזאטשקא־יצחק, פראקטיצירט אין לעמבערג	1514	אליהו, אויגן־דאקטאר, פראקטיצירט אין קראקע
1496	באטשאן־Bocian (שטארך), רופא אָדער אפטייקער אין קראקע	1527	פעליקס פון סאכאטשוויו, פראקטיצירט אין ווארשע

§ 127 יידישע מלאכות.

די פרטים, וועלכע מיר האָבן ביזאַהער געבראַכט וועגן דער באַטייליקונג פון פוילישע יידן אין לאַנדווירטשאַפט, האַנדל, קרעדיט, אַרענדעס און פרייע באַרופן, שעפן נישט אויס דאָס פילפאַרביקע בילד פון דעם יידישן ווירטשאַפטס-לעבן אין פוילן. נאָך מער: עס קאָן מיט אַ סך באַרעכטיקונג אָנגענומען ווערן, אַז די געבראַכטע פרטים אילוסטרירן אונז די ווירטשאַפטלעכע טעטיקייט בלויז פון אַ טייל פונם פוילישן יידנטום — פון אַ טייל, וואָס האָט געקאָנט אויסמאַכן אַ העלפט אָדער אַ דריטל פונם כלל פוילישע יידן.

אַ שטיך-פונקט פאַר דערדאָזיקער אויפפאַסונג גיט אונז אַ ידיעה פון אָנהויב 16-טן י"ה, אַז עס האָבן דעמאָלט געלעבט אין פוילן דריימאָל אַזוי פיל יידן — בעלי-מלאכות, ווי יידן — סוחרים. די ידיעה געפינט זיך אין אַ

פּאַלעמישער בראָשור מיטן לאַטייניש טיטל „Ad querelam mercatorum Cracoviensium responsum Judaeorum de mercatura“ („אַן ענטפער פון יידן וועגן מסחר, וואָס ווערט געגעבן צוליב אַן אָנקלאָג פון קראָקעווער סוחרים“), וואָס איז דערשינען אין יאָר 1539 *) און האָט געשטאַמט פון גוט אינפאָרמירטע יידישע קרייזן.

די דערמאָנטע פּראָפּאָרציע צווישן דעם יידישן סוחרים-שיכט און האַנטווערקער-קלאַס איז בלי-ספק געווען אַ פּראָדוקט פון אַ לאַנגער אַנטוויקלונג. בכן קאָנען מיר אָננעמען אויך פאַר דער באַהאַנדלטער, שפּעט-מיטלאַלטערלעכער תקופה, אַז דער יידישער האַנטווערקער-שיכט איז דעמאָלט לויט דער צאָל געווען באַדייטנדיק גרעסער, ווי אַלע איבעריקע יידישע ווירטשאַפטס-שיכטן צוזאַמען.

אַגב, מוז דערביי באַמערקט ווערן, אַז צום האַנטווערקער-קלאַס האָט אין יענע צייטן באַלאַנגט דער רוב קרעמער, וואָרים האַנטווערקערײַ איז דעמאָלט געגאַנגען האַנט ביי האַנט מיט מסחר.

דער קוועלן-מאַטעריאַל, וואָס באַלייכט אונז די פראַגע פון דער יידישער מלאכה אינם מיטלאַלטערלעכן פּוילן, איז, וואָס אמת, זייער אַ קנאַפּער און ער איז פאַרבליבן ערשט פון 15-טן י״ה. ער קלעקט אָבער אויף צו דערווייזן דעם פאַקט, אַז די יידן האָבן צוליב דער שוואַכער אַנטוויקלונג פון די פּוילישע צעכן דעראָבערט נישט קיין שלעכטע פּאָזיציעס אויפן געביט פון מסחר און אַז זיי האָבן לגמרי נישט געהאַלטן פון מלאכות, ווי פון עבודת-פּרך...

די ערשטע האַנטווערקער-צעכן באַווייזן זיך צווישן דער קריסטלעכער באַפעלקערונג אין די פּוילישע שטעט נישט פריער, ווי ביים סוף פון 13-טן י״ה.

לאָמיר אַפילו אָננעמען, אַז די פּוילישע צעכן האָבן שוין אין די ערשטע יאָרן פון זייער אַנטוויקלונג שטרענג אַדורכגעפירט דעם פּרינציפּ פון אינדוסטריעלן מאָנאָפּאָל, זענען אָבער פאַר יידן געבליבן אָפן אַ ריי מלאכות, וואָס האָבן לגמרי נישט געקאָנט אַטאַקירט ווערן דורך די צעכן.

*) די אויטענטישקייט פון דער דאָזיקער בראָשור איז געשטעלט געוואָרן דורך מאַנכע פאָרשער אונטער א פראַגעצייכן. מיר האָבן אָבער אין אונזער „ווירטשאַפטס-געשיכטע פון יידן אין פּוילן בעתן מיטלאַלטער“ (קאַפּיטל XII) דערוויזן, אז די ספקות זענען לגמרי נישט באַגרינדעט.

מיר זענען אויסן יענע מלאכות, וואָס זענען געשטאַנען אין אַן ענגן צוזאַמענהאַנג מיטן יידישן קולט און וואָס זענען צוליב דעם געשיצט געווען דורך די גענעראַל־פּריווילעגיעס פונם פוילישן יידנטום.

די יידן האָבן, אַלזוי, שוין אין די עלטסטע צייטן געמוזט האָבן זייערע אייגענע שעכט־הייזער און בעקערייען, אייגענע טליתים־וואַרשטאַטן און שניידער־וואַרשטאַטן.

דאָס דרינגט אַרויס פונם יידישן ריטואַל, פון די דינים וועגן כשרות און פון די פאָרשריפטן וועגן דעם אופן, אויף וועלכן עס האָבן געדאַרפט גענייט ווערן מלבושים, אַז אַ ייד זאָל זיי מעגן טראָגן.

די ערשטע קוועלן־ידיעות וועגן דעם אָנטייל פון די פּוילישע יידן אין אַנדערע מלאכות, חוץ די, וואָס זענען אַרויסגעדרונגען פונם יידישן ריטואַל, שטאַמען, ווי שוין דערמאָנט, ערשט פון 15־טן י״ה און מיר ברענגען זיי דאָ ווייטער.

אין אַ דאָקומענט פון י. 1460 ווערט דערמאָנט, אַז אין לעמבערג האָט זיך אַ געוויסער טייל יידן באַשעפטיקט מיט גאַרבערײ און אַז דידאָזיקע מלאכה האָט ביי זיי געבליט פון קדמונים אָן (ab antiquo).

אַן אינטערעסאַנטע טראַנזאַקציע פון אַ יידישן גאַרבער ווערט פאַרנאָטירט אין די לעמבערגער געריכטס־אַקטן צום יאָר 1486: דער לעמבערגער ייד שמחה, אַ גאַרבער פון באַרוך, באָרגט ביי איינעם, אַ שליאַכטשיץ 15 מאַרק און ער שטעלט צוויי ערובים, וועלכע ווערן דורכן געריכט באַרעכטיקט, צו פאַרנעמען שמחהס הויז און אַלע זיינע גאַרבעריי־מכשירים אין פאַל, ווען שמחה וועט צום טערמין נישט סילוקן דעם חוב.

אַ חוץ גאַרבערס באַגעגענען מיר צווישן די לעמבערגער יידן אויך קאַמכערס אָדער קאַמאַשניקעס.

צום יאָר 1445 ווערט אין די אַקטן דערמאָנט איינער אַ יידישער קאַמכער (Camcharz) מיטן נאָמען איזאַטשקאָ, וועלכער באָרגט אַ רייסישן קאַמכער 16 שאָק גראָשן און ער באַוואָרנט זיך, אַז דער קריסט וועט ביי אים אינם וואַרשטאַט מוזן אויספירן געוויסע אַרבעטן, אויב ער וועט צום טערמין נישט אומקערן די הלוואה.

אינם לעצטן יאָרצענדליק פון 15־טן י״ה ווערן אין די לעמבער־

גער אַקט̈ן דערמאָנט יידישע גלעזערס. דער האַנטווערקער־באַרוף פֿון טייל לעמבערגער יידן קומט טיילמאָל צום אויסדרוק אין די טיטלען, וועלכע די געריכטס־שרייבער שטעלן אַוועק ביי זייערע נעמען: אַזוי, אַ שטייגער, ווערן אין אַ פּראָצעס־אַקט פֿון 15־טן י״ה דערמאָנט צוויי לעמבערגער יידן (אי)זאַטשקאָ און באָכדאַן) און זיי ווערן טיטולירט „laboriosi“ דהיינו „אַרבעטזאַמע“. מיט אַזאַ באַצייכענונג פֿלעגט מען דעמאָלט אָפּגעבן כבוד אַ האַנטווערקער אָדער אַ פּויער!

יידן־האַנטווערקער לאָזן זיך אויפֿזוכן אויך אין דער פּוילישער רעזידענץ־שטאָט קראָקע.

אין דעם האַנדלס־אָפּמאַך, וועלכן די קראָקעווער קהילה האָט אין י. 148כ געשלאָסן מיטן מאַגיסטראַט, ווערט צווישן אַנדערן דערמאָנט, אַז יידן און יידישקעס, וואָס אַרבעטן אַליין אויס קאָלנערס און מלבושים, מעגן דידאָזיקע אויסאַרבעטונגען פֿראַנק און פֿריי פֿאַרקויפֿן, סיי בעת די ירידים, סיי אין טעג, ווען ס'קומען נישט פֿאַר קיין ירידים.

עס דרינגט דערפֿון אַרויס, אַז ביי די קראָקעווער יידן האָבן זיך אַנטוויקלט אַזעלכע מלאכות, ווי קירזשנעריי און שניידעריי, און די בעלי־מלאכות, וואָס האָבן זיך דערמיט באַשעפֿטיקט, האָבן גלייכצייטיק אויך געמסחרט מיט די אויסאַרבעטונגען. אַ ראיה, אַז זיי האָבן געאַרבעט נישט בלויז אויף באַשטעלונגען, נייערט אויך פֿאַר אַ מאַסן־קאָנסום.

צוליב דעם קאָנקורענץ־קאַמף מיט די קריסטלעכע צעכן, האָבן די קראָקעווער יידן געזוכט אַ געוויסן modus vivendi מיט דער הילף פֿון באַזונדערע אָפּמאַכן, אין וועלכע מען פֿלעגט פֿעסטשטעלן די ראַמען פֿונם דערלויבטן יידישן האַנטווערקער־פֿאַך.

אַזוי, אַ שטייגער, איז אונז פֿון י. 1485 באַוואוסט אַן אָפּמאַך צווישן דער קהילה אין קאַזמער (Kazimierz) ביי קראָקע און דעם קריסטלעכן פֿלייש־צעך וועגן דער צאָל יידישע קצבים, וואָס מעגן האַלטן יאַטקעס אין דער קהילה.

אין קראָקע באַגעגענען מיר ביים סוף פֿון 14־טן און אין משך פֿון 15־טן י״ה אייניקע רייכע יידן, וואָס באַזיצן אייגענע ברויערייען.

אין י. 1399 ווערט דערמאָנט אַ ברויעריי, וואָס האָט באַלאַנגט צו די יורשים פֿונם קראָקעווער „ראָטשילד“, לעווקאָ. אין י. 1414 —

אַ ברויערײַ פון שרהן, דער אַלמנה נאָך דעם באַנקיר שמערלין; אין י. 1468 — אַ ברוי-הויז, אַ מאַלץ-הויז און אַ שאַפּע" (Brawhaws, Melczhaws und Schawne) פון דעם ייד מיכאל ברוק א. אַז. וו.

מען קאָן משער זיין, אַז אין דידאָזיקע ברוי- און מאַלץ-הייזער האָבן געאַרבעט אַ חוץ קריסטן אויך יידן.

די באַדייטונג פונם יידישן האַנטווערקער-קלאַס אין קראָקע אילוסטרירט אונז צום בולטסטן דער פאַקט, וואָס מיר באַגעגענען אין י. 1465 צווישן די קראָקעווער פּרנסים אויך אַ פאַרטרעטער פון בעלי-מלאכות, אַ געוויסן „אליעזר-ישראל, אַ האַנטווערקער" („Lazar Israhel, f a b e r").

וואָס שייך די פאַרהעלטעניש אין אַנדערע שטעט, איז אונז באַוואוסט, אַז די „יידן-גאַס" אין פּויזן האָט געהאַט נאָך אַ צווייטע באַצייכענונג, דהיינו „Wullenwebir-gasse" דאָס הייסט „די גאַס פון וואָל-וועבער". וואַרשיינלעך, שטייט די דאָזיקע באַצייכענונג אין אַ שייכות דערמיט, וואָס צווישן די יידן אין דער „יידן-גאַס האָבן זיך דעמאָלט געפונען אַ סך וועבער.

אַ פאַרשאַרפטער קאַמף מיט דער יידישער מלאכה לאָזט זיך מערקן ערשט ביים אָנהויב פון 16-טן י"ה.

מיט אַ פאַראָרדענונג פון יאָר 1527 איז פאַרווערט געוואָרן יידישע בעלי-מלאכות צו וואוינען אין וואַרשע און 2 מייל אַרום וואַרשע אויף די שטאָטישע שטחים. דערפון לאָזט זיך דרינגען, אַז עס האָבן פריער אין דער מאַזאָווישער הויפּט-שטאָט געלעבט יידישע מלאכות.

אין דעם שכנותדיקן מאַזאָווישן שטעטל בלוינע ווערט אַרום יאָר 1478 דערמאָנט אַ יידישער קירזשנער, דוד. פון וואַרשאַ גופא ווערן אין אַ דאָקומענט פון י. 1491 פאַרנאָטירט צוויי יידן-שמוקלער („פּאַסאַמאָניקעס"), שמעון און יצחק.

קאַפּיטל זעקס און פּערציק

ווירטשאַפטלעכע צוזאַמענשטויסן מיט די ייִדן אין פּוילן

(1350—1500)

128 § דער כאַראַקטער פון די רדיפות אין פּוילן.

צום שבח פון די פּוילישע קעניגן — די געוועלטיקער איבערן יידישן רעגאַל — מוז פעסטגעשטעלט ווערן, אַז זיי האָבן בעת דער באַהאַנדלטער תקופה אין קיין איינציקן פאַל נישט באַנוצט אַזעלכע מיטלען פון עקספּלאָאַטירן דעם רעגאַל, ווי פּאַגראָמען, אינסצעניזירטע פּראָצעסן, גירושים וכדומה. אדרבא, זיי פּלעגן שטרענג אָפּהיטן די זיכערקייט פונם יידישן לעבן און פאַרמעגן און עס זענען פאַראַן אַ ריי באַווייזן פון אונזער תקופה, אַז זיי האָבן כסדר צוגעצויגן די פּאָגראָם-העלדן צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

די נעסטן פון יידן-האַס, פון „יידן-ברענער" און „יידן-טויטער" זענען אין אונזער צייט צו געפינען כמעט אויסשליסלעך אין די רייען פון מיעשטשאַנעס, בפרט צווישן די קריסטלעכע בעלי-מלאכות. דאָ טליעט כסדר דאָס פייער, דאָ זענען די עקספּלאָדיר-מאַטעריאַלן.

אין געוויסע מאָמענטן װעלן די מיעשטשאַנעס באַקומען הילף פון גלחים, אָבער די באַטייליקונג פון דער קירכע אין די רדיפות איז נאָר אַ צווייט-ראַנגיקע דערשיינונג. העכסטנס האָט זי דעם באַדייט פון אַ פונק, וואָס פאַלט אַריין אין אַ פּולווער-פאַס.

באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש פאַר די פּאָגראָמען, וואָס האָבן זיך צווישן די יאָרן 1350—1500 אָפּגעשפּילט אויף דער פּויליש-רייסישער ערד, איז, אַזוי צו זאָגן, זייער פּאַרטיילונג אין צייט און רוים.

זיי באַווייזן זיך צום פריסטן אין די מערבדיקע און מיטעלע פּראָווינצן פון פּוילן, ווי אין גרויס-פּוילן און קליין-פּוילן, א סך שפּעטער אָבער אינם פּירשטנטום מאַזאָוויע און צום שפּעטסטן אין רייסן. און דאָס דערקלערט זיך דערעיקרשט מיט דעם פאַרלויף פון דער ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג אין דידאָזיקע פּראָווינצן.

מען קאָן ממש אויפשטעלן אַ געזעץ, אַז דער יידן-האַס האָט אין פּוילן געוואַנדערט פון ווירטשאַפטלעך מער צעוויקלטע שטחים צו די שטחים מיט אַ ווייניקער אַנטוויקלטער, ווירטשאַפטלעכער קולטור.

וואָס פריער עס האָט זיך אין אַ פּראָווינץ אַנטוויקלט דאָס שטאָטישע לעבן, אַלץ פריער איז אויך געקומען צו צוזאַמענשטויסן מיט יידן. וואָס לענגער מען האָט זיך געניטיקט אין יידישער הילף, אין יידישן קרעדיט און האַנדל, אַלץ שפּעטער האָבן זיך אָפּגעשפּילט די יידן-אויספּלינדערונגען און פּאָגראָמען.

איידער מיר וועלן זיך באַקענען מיט די פּרטים, שטעלן מיר דאָ ווייטער צונויף אַ רשימה פון אַלע פּאָגראָמען און עקסצעסן, וועגן וועלכע ס'זענען אונז אויפגעהיט געוואָרן ידיעות אין די קוועלן פון די לעצטע 150 יאָר פונם מיטלאַלטער.

אין דער טאַבעלע ברענגען מיר די דאַטעס און די שטעט פון די צוזאַמענשטויסן, ווי אויך די פאַרשלייערטע מאָטיוון, מיט וועלכע מען פלעגט באַרעכטיקן די רדיפות.

ערשט אין די ווייטערדיקע אויספירן וועלן מיר אַראָפּרייסן די פאַרשלייערונגען און אַנטפּלעקן דעם אמתן פּרצוף פון די בלוטיקע פּאַסירונגען.

129 § פאַרשלייערטע און אמתע סיבות פון די רדיפות.

לויט דעם באַשטאַנד פון די קוועלן-מאַטעריאַלן לאָזן זיך גע-נויער באַלייכטן די רדיפות ערשט זינט דעם סאַמע סוף פון 14-טן י״ה. דער פּויזנער פּאָגראָם, וועלכן מיר האָבן אָנגעמערקט צום יאָר

רדיפות אויף יידן אין פּוילן צווישן 1350—1500

יאָר	בעליטענע קהילה	מין פון די רדיפות	אָפּיציעלער מאָטיוו פון די רדיפות
1367	פּויזן	פּאָגראָם	?
1399	„	„	האָסטיען-שענדונג
1407	קראָקע	„	עלילת-דם
1423	„	עקסצעסן	?
1445	באָכניע	„	?
1447	פּויזן	„	יידן האָבן כלומרשט גורם געווען אַ שרפה אין שטאָט
1454/5	קראָקע	פּאָגראָם און גירוש	קאַמף קעגן פרעמד-גלויביגע און יידישע וואוכערניקעס (קאַפּיסטראַנאָ)

יאָר	בעליטענע קהילה	מין פון די רדיפות	אָפּיציעלער מאָטיוו פון די רדיפות
1454	ווארשע	גירוש	קאַמף קעגן פרעמד-גלויביגע און יידישע וואוכערניקעס (קאַפּיסטראַנאָ)
1463	לעמבערג און קראָקע	עקסצעסן	קאַמף קעגן פרעמד-גלויביגע (קרייץ-פאָרער)
1464	פּויזן	פּאָגראָם און גירוש	יידן האָבן כלומרשט גורם געווען אַ שרפה אין שטאָט
1477	קראָקע	פּאָגראָם	„
1483	ווארשע	גירוש	?
1494	קראָקע	„	יידן האָבן כלומרשט גורם געווען אַ שרפה אין שטאָט
אַרום 1498	ווארשע	„	?
1498—1500	לעמבערג און קאַזמער ביי קראָקע	עקסצעסן	קאַמף קעגן פרעמד-גלויביגע (קרייץ-פאָרער)

1399, איז פאָרגעקומען אין צוזאַמענהאַנג מיט אַ פּראָצעס וועגן בלומרשטער האָסטיען-שענדונג, וועלכן מען האָט דעמאָלט פאַרפירט קעגן יידן.

אינדראמתן האָבן מיר אָבער אינם דאָזיקן פאַל צו טון מיט אַ בלוטיקן צוזאַמענשטויס אויפן פאָן פון אַ קרעדיט-קריזיס.

סימנים פונם דאָזיקן קריזיס אין דער פאָרם פון קאָנפליקטן מיט יידישע באַנקירן, לאָזן זיך נאָכווייזן שוין זינט דעם יאָר 1397.

אַזוי, אַ שטייגער, געפינען מיר אין די געריכטס-אַקטן צום י. 1397 ידיעות וועגן אַן אָנפאַל, וועלכן ס'האָט אָרגאַניזירט איינער אַ שליאַכטשיץ קעגן דעם פּויזנער באַנקיר אברהם, אום אים צו פאַר-טרייבן פון די פאַרמשכונטע נחלאות. אַ ראַיה, אַז די באַציונגען פון די יידן מיט דער פאַרשולדיקטער שליאַכטע זענען געוועז אָנגעשטרענגטע.

אין יאָר 1398 פאַרנאָטירן די פּויזנער קוועלן קאָנפליקטן אויך מיט די מיעשטשאַנעס. עס דערגייט אַזוי ווייט, אַז דער בירגער-מייסטער פון דער שטאָט דראָט דעם רייכן וואוכערניק אהרן, אַז ער וועט אים פאַרטרייבן צוזאַמען מיט זיין משפחה. אין י. 1399 קומט עס צו אַן עקספּלאָזיע.

אוממיטלבאַר פאַר דעם קראָקעווער פּאָגראָם (1407), וואָס איז פאַרשלייערט געוואָרן מיט אַ בלוט-בילבול, גייען אַרום אין דער שטאָט קלאַנגען, אַז יידן פאַרשפּרייטן פאַלש געלט. אין י. 1406 ווערט פאַר-ברענט איינער, אַ קראָקעווער ייד, מיטן נאָמען פּעטער, בלומרשט פאַר מינץ-פאַלשונג. גלייכצייטיק מערקט זיך אַ באַוועגונג צווישן די האַנטווערקער, וואָס איז געווענדט קעגן דעם פּאַטריציאַט.

די האַנטווערקער שטרעבן צו דעראָבערן פּאָזיציעס אין דער שטאָט-אויטאָנאָמיע און העצן קעגן דעם פּאַטריציאַט, אַז ער באַ-דריקט די אָרעמע שיכטן מיט דער הילף פונם יידישן וואוכער, וועלכן ער זאָל בלומרשט אונטערשטיצן.

אין דעם פּאָגראָם, וואָס איז באַלד דערויף אויסגעבראָכן, באַ-טייליקן זיך כמעט אויסשליסלעך האַנטווערקער.

די פּאַטריציער, וואָס זענען געווען אָריענטירט בנוגע די אמתע כוונות פון דער באַוועגונג, האָבן מורא באַקומען, אַז די באַוועגונג זאָל איבער די יידישע קעפּ נישט דערגיין צו זייערע אייגענע קעפּ

און זיי האָבן דעריבער די פּאָגראָם-העלדן געלאָזט מאַסנווייז איינזעצן אין תפיסה.

די האַנטווערקער האַלטן אָפּ פאַרזאַמלונגען הינטער דער שטאָט און אונטערהאַנדלען מיט דעם פּאַטריציאַט וועגן באַפרייען די אַרעסטירטע און וועגן מילדע שטראָפן פאַר די שולדי־ע, צוזאָגנדיק דערפאַר די „ליבין הערען“ (פונם שטאָט-ראַט און מאַגיסטראַט), אַז „זיי וועלן אויף להבא האַלטן מיט זיי צוזאַמען און אַז זיי וועלן באין אופן נישט אָפּטרעטן פון זיי“. („dorobir libin herren, wellen wir by eych sten und bleibin und euch nicht lassen in keynirlen mosse“). די „ליבין הערען“ זענען גרייט געווען איינצוגיין אויף אַ פּשרה און צו פאַרלייכטערן די אויספאָרשונג, האָבן אָבער די יידן באַוויזן אויסצופועלןביים קעניג, אַז ער זאָל אַליין נעמען די זאַך אין זיינע הענט און נישט דערלאָזן צו אַ פאַרשטענדיקונג, וואָס האָט געשעדיקט די אינטערעסן פון די קאַמער-קנעכט און במילא אויך די אינטערעסן פונם קעניגלעכן אוצר.

וועגן די קראָקעווער עקסצעסן פון י. 1423 איז פאַראַן אַ קוועלן־ידיעה, וואָס מאַכט פאַר זיי פאַראַנטוואָרטלעך דעם קראָקעווער פּאַטריציאַט. לויט דערדאָזיקער ידיעה זאָלן האָבן די ראַטמענער „אָן שום גרונט גערודפט די יידן, נישט האָבנדיק דערצו קיין שום רעכט“.

דער קראָקעווער וואָיעוואָדע, וואָס האָט פאַרטראָטן דעם קעניג אַלס שוצהאַר, האָט זיי דערפאַר צוגעצויגן צו פאַראַנטוואָרטונג.

דער פּאָגראָם אין באָכניע, וועלכן מיר האָבן אין דער טאַבעלע אָנגעמערקט צום י. 1445, איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורך האַנטווערקער. דער קראָקעווער וויצע-סטאַראָסטע האָט אויף די רעדל־פירער אַרויפגעלייגט האַרבע שטראָפן און ער האָט אינאיינוועגס געצוואונגען די באָכניער מיעשטשאַנעס, איינצולייגן אַן ערבות פון 100 מאַרק אַלס גאַראַנטיע, אַז זיי וועלן אויף להבא פרידלעך צוזאַמענלעבן מיט די יידן.

אין י. 1447 ברעכט אויס אַ שריפה אין פּויזן. דאָס איז געבוג, אַז מען זאָל צווישן די יידן מאַכן אַ שחיטה. „אַ טייל פון דער שטאָט איז פאַרברענט געוואָרן און דעריבער האָט מען אויסגעשאָכטן די יידן“ — אַזוי קלינגט די לאָקאָנישע פאַרנאָטירונג פונם פּויזנער כראָניסט.

זומערצייט 1453 באַווייזט זיך אין קראָקע דער באַרימטער צורר היהודים קאַפּיסטראַנאָ. ער קומט פון שלעזיע, וואו ער האָט געפּייערט „טריומפן" איבער די יידן.

די דרשות זיינע צערייצן אויך אין קראָקע די געמיטער. דער „שניט" לאָזט אויף זיך נישט לאַנג וואַרטן. אין י. 1454 ציט צוריק דער קעניג די גענעראַל-פּריווילעגיעס פונם פּוילישן יידנטום. איין יאָר שפּעטער קומט עס צו אַ בלוטיקן פּאָגראָם אין דער קעניגלעכער רעזידענץ-שטאָט. ווי געווייגלעך, זענען אויך דאָסמאָל אַרויסגעטרעטן האַנטווערקער אַלס רעדל-פירער.

אויסערסט כאַראַקטעריסטיש איז דער פּאַקט, וואָס די עקסצעסן האָבן זיך אָנגעהויבן מיט אונטערצינדן אַ הויז פונם ראַטמאַן טאָמאַש, אין וועלכן ס'האָבן זיך געפונען מאַגאַזינען מיט יידישע סחורות און משכונות.

נישט געגוג, וואָס די יידן זענען דורך דער שריפה שווער געשעדיקט געוואָרן, האָט מען פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז זיי האָבן אַליין גורם געווען צו דעם פייער.

צוליב דעם פּאָגראָם האָבן די קראָקעווער יידן אייניקע יאָר פאַרבראַכט אויסערהאַלב דער שטאָט, אין די אַרומיקע שטעטלעך און דערפער.

אין אַ צוזאַמענהאַנג מיט קאַפּיסטראַנאָס אַקציע שטייט אויך דער וואַרשעווער גירוש פון י. 1454. ווי אין קראָקע, האָבן אויך אין וואַרשע דער עיקר מיעשטשאַנעס גורם געווען צו דעם גירוש. די לאָזונגען פונם בלוטיקן מאָנאַך און פון זיינע תלמידים, אַז מען דאַרף פאַרטיליקן פרעמד-גלויביקע און בפרט די יידישע וואוכערניקעס, האָבן אָפּגעשפּיגלט די שטימונגען, וואָס האָבן דעמאָלט געהערשט צווישן דעם וואַרשעווער בירגערטום און צווישן דער אַרומיקער קליינער שליאַכטע.

אין אייניקע יאָר אַרום נאָכן גירוש האָבן זיך די יידן אומגעקערט קיין וואַרשע.

אין י. 1463 זענען אין קראָקע און לעמבערג אויסגעבראָכן אַנטי-יידישע עקסצעסן אין צוזאַמענהאַנג מיט אַ קרייץ-צוג, וואָס איז דעמאָלט אָרגאַניזירט געוואָרן קעגן די טערקן. די קרייץ-פאָרער האָבן אויסגענוצט די געלעגנהייט און זיי האָבן זיך קודם-כל גענומען

צו... היימישע „שונאים״: מען האָט געמאַכט אָנפאַלן אויף יידן און אויסגערויבט זייער האָב.

כאַראַקטעריסטיש איז דערביי די האַלטונג פון די מיעשטשאַ-נעס. אין קראָקע פאַרשטענדיקן זיי זיך בשתיקה מיט די קרייץ-פאָרער און זיי שטערן נישט די אויספלינדערונגען.

דער קעניג ציט זיי צו צוליב דעם צו פאַראַנטוואָרטונג און ער באַשטימט אַן ערבות פון 10.000 מאַרק, אַז זיי וועלן אויף להבא שיצן די יידן.

אַנדערש פאַרלויפן די פאַסירונגען אין לעמבערג, וואו דאָס בירגערטום האָט זיך נאָך געגוויטיקט אין דער שטיצע פונם יידישן קאַפּיטאַל. ווען די קרייץ-פאָרער האָבן זיך באַוויזן ביי די שטאָט-מויערן און האָבן געדראָאָט צו צעשטערן די שטאָט, אויב מען וועט זיי נישט אַרויסגעבן די יידן, האָבן די לעמבערגער ראַטמענער דרייסט אָפּגעענטפערט, אַז זיי זענען גרייט מיט כוח אַרויסצוטרעטן קעגן די אָנפאַלער.

דערויף הויבן זיך אָן אונטערהאַנדלונגען און די קרייץ-פאָרער טרעטן אָפּ, באַנוגנדיק זיך מיט אַ סכום אויסלייז-געלטער.

דער פויזנער פאָגראָם פון י. 1464 איז אָרגאַניזירט געוואָרן אונטערן אויסרייד, אַז די יידן האָבן כלומרשט אונטערגעצונדן דעם דאָמיניקאַנער-קלויסטער, וואָס איז דעמאָלט געפאַלן אַ קרבן פון אַ שריפה אין דער שטאָט.

פון די קוועלן-ידיעות, וואָס זענען אין די לעצטע יאָרן פאַר-עפנטלעכט געוואָרן, ווייזט זיך אַרויס, אַז די רעדל-פירער פונם פאָגראָם זענען געווען בעלי-מלאכות *).

---

*) מיר ברענגען דאָ ווייטער אַ רשימה פון פויזנער מיעשטשאַנעס, וואָס האָבן בעת דער אויספאָרשונג דעקלאַרירט אַ קויציע פאַר סך-הכל נאָר 125 אַרעסטירטע פאָגראָם-העלדן. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז מיר האָבן דאָ צו טון מיט לויטער האַנטווערקער. די רשימה קלינגט אין לאַטייניש אָריגינאַל אזוי: „Anno 1467 cautio 5 ideius-soria pro 125 captivis Judeorum occasione: Johannes Wengrzyn et Lucas pellifices pro Johanne Scholtiszik; Gros, Thomas Gunczerz, Johannes Wayner, Petrus gortler pro Johanne Bozeyaker; Symon Gros, Laurencius textor pro Baltazaro Iwanek; Martinus pannitonsor, Nicolans barsator pro Georgio panniton-

די שטאָט-מאַכט האָט זיך צו די פאָרפאַלן פאַרהאַלטן פּאַסיוו. די יידן האָבן זיך געמוזט אָפּטראָגן אויף אַ צייט פון דער שטאָט. דער קעניג האָט קעגן דעם שטאָט-ראַט און די פּאָגראָם-העלדן פאַר-אָרדנט אַן אויספאָרשונג און ער האָט אויף דער שטאָט אַרויפגעלייגט אַ שטראָף פון 2000 דוקאַטן „פאַר דער יידן-שחיטה" („pro caede Judaeorum").

אין י. 1468 איז דאָס געלט ווירקלעך איינגעצאָלט געוואָרן אין קעניגלעכן אוצר.

ס'זענען אַוועק העכער 10 יאָר אין רעלאַטיווער מנוחה. די ענערגישע אַרויסטרעטונג פונם קעניג האָט געהאַט אַ פּעולה. די שטעט האָבן אויף זייערע אייגענע פינאַנסן דערפילט די ווירקונג פון די אַנטי-יידישע העצערייען.

אין די לעצטע 25 יאָר פון 15-טן י"ה ווערן אָבער די העצע-רייען צוריק באַנייט. אין י. 1477 ווערן די קראָקעווער יידן אויסגעפּלינדערט בשעת אַ שריפה. אַן עפּילאָג פון די עקסצעסן שפּילט זיך אָפּ פאַרן געריכט פונם וואָיעוואָדע און פאַרן שטאָט-געריכט.

די פּראָצעסן, וואָס זענען דאָ פאַרפירט געוואָרן קעגן די באַשול-דיקטע האַנטווערקער און סתּם מענטשן פונם המון, זענען נאָך אין י. 1479 נישט געווען קיין פאַרענדיקטע.

אין י. 1483 ווערן די יידן אויף 3 יאָר נעלם פון וואַרשע. די סיבה דערפון איז געגוי נישט באַוואוסט. מען קאָן משער זיין, אַז עס האָט דערצו גורם געווען אַ גירוש-דעקרעט, וועלכן די מיעש-טשאַנעס האָבן אויסגעפּועלטביים מאַזאָווישן פירשט באָלעסלאַוו.

אַ טיפע ווירקונג האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך די שריפה, וואָס איז אויסגעבראָכן אין קראָקע אין יאָר 1494. ווי געוויינלעך, האָבן די מיעשטשאַנעס אַרויפגעלייגט די שולד פאַר דעם פייער אויף

---

sore; Bartossius caruifex et Nicolans Popyolek pro Mathia de Buk; Mathias de Aggero et Michael bedellus pro Nicolao condam bevello, captivis, qui racione Judeorum capti fuerant, caverunt, quov racione captivitatis nunguam in malo debent civitaei nec alicui personae reminiscere" (פאַרגלייך: K. Kaczmarczyk: akta radzieckie Poznańskie 1434—1470. — Poznań 1925, Nr. 1059).

די יידן און מען האָט באַנוצט די געלעגנהייט, אום צו באַראַבעווען אַ פּאָר יידישע הייזער.

סוף-כּל-סוף האָט דער קעניג באַפוילן די יידן, אַז זיי זאָלן זיך אָפּטראָגן פון קראָקע און איבערציען זיך אין דער „יידן-שטאָט" קאַזמער (Kazimierz), וואָס איז דעמאָלט געווען אָפּגעטיילט פון דער רעזידענץ-שטאָט דורך דער ווייסל. מיט 4 יאָר שפּעטער זענען די יידן צום דריטן מאָל פאַרטריבן געוואָרן פון וואַרשע.

דעם פינאַל פונם פוילישן מיטלאַלטער בילדן אַנטי-יידישע עקס-צעסן, וואָס האָבן זיך אין די יאָרן 1498—1500 אָפּגעשפּילט אין לעמבערג און אין קאַזמער ביי קראָקע.

אין און אַרום לעמבערג האָבן דעמאָלט געבושעוועט מחנות קרייצפאָרער, וועלכע פלעגן באַפאַלן יידן און מערדערלעך זיי שלאָגן. עס זענען אויך פאָרגעקומען מערערע מאָרדן פון יידן.

דאָסמאָל האָבן די לעמבערגער מיעשטשאַנעס פאַרנומען אַ לגמרי להיפוכדיקע שטעלונג, ווי אין י. 1463. נישט בלויז וואָס זיי שטערן נישט די קרייץ-פאָרער צו באַלעבאַטעווען אין די יידן-גאַסן, נאָר זיי שטיצן זיי אַקטיוו און שעפּן נחת, וואָס עס ווערן שיטערער די רייען פון זייערע יידישע קאָנקורענטן.

אין יאָר 1500 לייגט דער קעניג אַרויף אויף דער שטאָט אַן ערבות פון 10.000 מאַרק און ער באַפעלט דעם שטאָט-ראַט, צו שיצן די יידן אין אַן עת צרה, אָבער „די ראַטס-הערן — אַזוי לייענען מיר אין דער באַטרעפנדיקער קוועלע—נישט זיי זענען מסכּים געווען אויפן ערבות, נישט זיי האָבן געוואָלט פאַרטיידיקן די יידן".

אין דערזעלבער צייט האָבן די קרייץ-פאָרער געבושעוועט, ווי דערמאָנט, אויך אין דער קראָקעווער געגנט. דעם 16-טן סעפּטעמבער 1500 זענען מחנות קרייץ-פאָרער באַפאַלן די יידן-שטאָט אין קאַזמער ביי קראָקע און האָבן דאָרט געמאַכט אַ מוראדיקן פּאָגראָם.

לויט די מיטטיילונגען פון אַן עד-ראיה, דעם קראָקעווער מאַגיסטער ד"ר מיקאָלאַי קראַקאָוויטאַ, זענען דעמאָלט אומגעקומען אין קאַזמער ביז 20 יידן און זענען געוואָרן פאַרוואונדעט *).

*) די מיטטיילונגען געפינען זיך אויפן ראַנד פון אַן אינקונאַבל פון דער יאַגעלאָנער אוניווערזיטעט-ביבליאָטעק לויט פאָלגנדיקן נוסח:

1. Et sub eodem tempore feria quarta ante Mathei (16/9 1500) alias

דער שטאָט-ראַט האָט זיך בשעת דעם פּאָגראָם פאַרהאַלטן לגמרי פּאַסיוו. ווייזט אויס, אַז ער האָט זיך געהאַט צונויפגערעדט פריער מיט די פּאָגראָם-העלדן.

דער פּראָצעס, וואָס איז שפּעטער פאָרפירט געוואָרן קעגן די ראַטס-האַרן, האָט זיך פאַרענדיקט מיט איינזעצן אין תפיסה אייניקע ראַטמענער און מיט אַרויפלייגן אויף דער שטאָט אַן ערבות.

---

nova (!) Septembris turma cruciatorum invasit Judeos, ubi ad minus 20 erant interfecti et plures vnlnerati praeter interfectos.

2) Item eodem anno (1500) feria quarta ante Mathei Judei ad viginti, maximum ad viginti erant interfecti et 40 vulnerati et plures per cruciatorum exercitus.

קאַפּיטל זיבן און פערציק

דיווירטשאַפטלעכע לאַגע פון די יידן אין ליטע, אוקראַינע און אין די איטאַליענישע האַנדלס־קאָלאָניעס ביים שוואַרצן ים

(1300—1350)

§ 130 דאָס ווירטשאַפטס־לעבן פון די יידן אינם פירשטנטום ליטע און אוקראַינע.

עס איז שווער צו באַשטימען, ווען עס זענען אַנטשטאַנען די ערשטע יידישע ישובים אין ליטע. זיכערע ידיעות האָבן מיר וועגן יידן אין ליטע ערשט פון דער צווייטער העלפט פון 14־טן י״ה.

אין די גענעראַל־פּריווילעגיעס, וועלכע דער גרויס־פירשט וויטאָלד האָט דערלאַנגט די יידן אין די יאָרן 1388 — 1389 ווערן דערמאָנט יידישע ישובים אין גראָדנע, טראָקי און בריסק.

אַרום דערזעלבער צייט האָבן זיך יידן אויך אָנגעהויבן צו באַזעצן אינם קיעווער טייל פון אוקראַינע, וואָס האָט דעמאָלט באַלאַנגט צו ליטע.

וועגן דעם ווירטשאַפטס־לעבן פון די ליטווישע יידן אין משך פון דער צווייטער העלפט פון 15־טן י״ה קאָן מען זיך פאַרשאַפן אַ באַגריף אויסשליסלעך אויפן סמך פון די דערמאָנטע פּריווילעגיעס פון די יאָרן 1388 — 1389.

קיין אַנדערע קוועלן־מאַטעריאַלן זענען צו אונז פון יענער צייט נישט דערגאַנגען. אַ באַזונדערן ווערט שטעלט פאַר אונז פאָר דער פּריווילעג פון יאָר 1389, וועלכן וויטאָלד האָט דערלאַנגט די יידן אין גראָדנע (דער פּריווילעג פון י. 1388 איז איבערגענומען פון דער

פוילישער יידן-געזעצגעבונג און ס'בלייבט דריבער אונטער אַ ספק, צי ער איז געווען צוגעפּאַסט צו דער הינטערשטעליקער ווירטשאַפטס-קולטור פון דער דעמאָלטיקער ליטע).

אין דעם גראָדנער פּריווילעג ווערט די יידן דערלויבט צו האַלטן שענקען אין דער שטאָט, צו פאַרנעמען זיך מיט מלאכות און צו האַנדלען מיט די אויסאַרבעטונגען, ווי אויך צו קויפן בהמות פאַרן אייגענעם געברויך. חוצדעם ווערט אין פּריווילעג נאָך באַשטימט, אַז די יידן מעגן באַזיצן פעלדער, לאַנקעס און בכלל אומבאַוועגלעכע גיטער. בכן האָבן דעמאָלט די ליטווישע יידן געלעבט פון לאַנד-ווירטשאַפט, האַנדל און מלאכות.

דאָס שוץ-פאַרהעלטעניש איז געווען איינגעאָרדנט, ווי אין פוילן: אַ ראיה—דער רעציפּירטער פּריווילעג פון י. 1388.

פון די שטייערן און אָפּצאָלונגען, וועלכע די יידן האָבן געצאָלט לטובת דעם שוץ-האַר—דעם גרויספירשט, ווערן אין דעם גראָדנער פּרי-ווילעג דערמאָנט: א) אָפּצאָלונגען פון די שענקען, וועלכע זיי האַלטן; ב) אָפּצאָלונגען פונם בהמות-האַנדל, ווי אויך ג) אַ גרונט-שטייער, וועלכן זיי זענען מחויב צו צאָלן פון זייער אומבאַוועגלעכן באַזיץ.

אין דער ערשטער העלפט פון 15-טן י"ה ווערט נאָך אָנגע-מערקט אַ יאָרלעכער צענזוס-שטייער פון יידן (semel in anno census). ער ווערט צום פריסטן דערמאָנט אין דעם פּריווילעג, וועלכן די קהילה אין טראָק האָט אין י. 1441 באַקומען פון קאַזשימיעזש דעם יאַגיעלאָנער.

ווי ס'ווייזט אויס, איז דער „צענז", פונקט ווי אין פוילן, געווען אַ הויז-שטייער.

פון אַ דאָקומענט פון יאָר 1485 ווערן מיר געוואויר, אַז די טראָקער יידן האָבן דעמאָלט געצאָלט לטובת דעם פירשט אַ שטייער, גערופן „סערעבשטשיזנע". וואַרשיינלעך, איז דאָס די סלאַווישע באַ-צייכענונג פונם דערמאָנטן צענזוס-שטייער.

אַ געטרײַ בילד פונם יידישן אָנטייל אינם ליטווישן ווירטשאַפטס-לעבן גיבן אונז די קוועלן ערשט זינט דער העלפט פון 15-טן י"ה.

ווי ס'ווייזט אויס, האָט דעמאָלט די ליטווישע געגנטן באַריִרט אַ גרעסערע יידישע איינוואַנדערונגס-כוואַליע פון שלעזיע, פוילן און מאַזאָוויע. די איינוואַנדערונג איז, וואַרשיינלעך, געשטאַנען אין אַ צוזאַמענהאַנג מיט די רדיפות און גירושים, וואָס זענען אין די דער-מאָנטע אויסוואַנדערונגס-לענדער פאָרגעקומען אין די יאָרן 1453—1455,

ווען עס האָט זיך דאָרט געפירט די לייִדנשאַפטלעכע אַקציע פונם טרויעריק-באַרימטן מאַנאַך קאַפּיסטראַנאָ.

צווישן די איינוואַנדערער האָבן זיך געפונען געניטע פינאַנץ-מענטשן, וואָס האָבן אַריינגעבראַכט אין לאַנד אַנזעעוודיקע קאַפּיטאַלן.

ווי באַוואוסט, האָבן די שלעזישע גירושים באַוויזן אָפּצוּראַטע-ווען אַ גרויסן טייל פון זייערע באַוועגלעכע פאַרמעגנס און דאָס-זעלבע לאָזט זיך אויך משער זיין וועגן די קראָקעווער און וואַרשע-ווער גירושים פון די יאָרן 1454—1455.

דער ליטווישער גרויס-פירשט האָט פאַרשטאַנען ווי געהעריק אָפּצושאַצן די באַדייטונג פון דעם אָנגעקומענעם עלעמענט און ער האָט די דערפאַרענע געלט-מענטשן אָנגעטרויט די פאַרוואַלטונג מיט די וויכטיקסטע רעגאַלן זיינע, ווי, אַ שטייגער, מיט די צאָל-קאַמערן, גרובן, קרעטשמעס וכדומה.

פון די יאָרן 1463—1494 זענען אונז אין די אַקטן פון דער גרויס-פירשטלעכער קאַנצעלאַריע (די אַזויגערופענע „ליטווישע מעט-ריק") אויפגעהיט געוואָרן אַ היפּשע צאָל ידיעות, וואָס זאָגן עדות, אַז יידן האָבן אין יענער צייט אַרענדירט כמעט אַלע באַדייטנדיקע צאָל-קאַמערן אינם פירשטנטום: מיר באַגעגענען זיי אַלס אַרענדאַרן פון די מכסים אין ביעלסק, בריאַנסק, דראָהיטשין, גראָדנע, קיעוו, ליטאָוויזש, מינסק, נאָוואָגראָד, פּו-טיוול, זשיטאָמיר, זוויאַהעל וכדומה. אַ בילד, וואָס דער-מאָנט אונז אין די פאַרהעלטענישן, וועלכע מיר האָבן אין דערזעל-בער צייט געזען אין רויט-רייסן און וואָלין (אַגב, האָט דעמאָלט וואָלין באַלאַנגט צו ליטע).

די פאַרדינסט-מעגלעכקייטן פון די אַרענדאַרן זענען אין ליטע געווען נישט קיין קלענערע, ווי אין רויט-רייסן, וואָרים איבער ליטע האָט דעמאָלט געפירט דער האַנדלס-שליאַך קיין דאַנציג, איינע פון די וויכטיקסטע אַרטעריעס פונם פּויליש-ליטווישן האַנדל מיט אויס-לאַנד.

פּונקט, ווי אין רויט-רייסן, האָבן אויך אין ליטע די מכסים-אַרענדעס געהאַט דעם פאַרנעם פון גרויס-קאַפּיטאַליסטישע אונטערנע-מונגען. אַזוי, אַ שטייגער, האָט אין די 80-קער און 90-קער יאָרן פון 15-טן י"ה דער יאָרלעכער אַרענדע-צינז פון די מכסים אין בע-רעסטעטשקאָ, דראָהיטשין, ביעלסק און גראָדנע באַטראָפן 1.100 שאָק

גראָשן (איבער 7.000 דאלאַר), אין לוצק — 1.512 שאָק גראָשן, אין פוטיוול — 1.100 שאָק, אין מינסק — 250 שאָק א. אַז. וו.

צווישן די צאָלנערס באַגעגענען מיר ס'רוב יידן פון גראָדנע, טראָק, קיעוו און לוצק.

טיילמאָל מאַכן עטלעכע יידישע אונטערנעמער אַ שותפות און ברענגען אַזוי־אַרום צונויף דעם וויכטיקן קאַפּיטאַל אויף איבערצונעמען אַ גרעסערע אַרענדע.

אַזוי, אַ שטייגער, זענען אין י. 1486 די מכסים פון קיעוו און זשיטאָמיר פאַרפּאַכטעט צו אַ קאָנסאָרציום פון 5 קיעווער און טראָקער יידן.

אין דעמזעלבן יאָר האַלטן דעם לוצקער מכס 3 שותפים, דעם פּוטיוולער מכס און אייניקע קרעטשמעס — 6 שותפים א. אַז. וו.

צו די רירעוודיקסטע און רייכסטע צאָלנערס האָבן דעמאָלט באַלאַנגט: דער גראָדנער ייד ענקאָ איצקאָוויטש (בן יצחק), די טראָקער יידן סאַדקאָ דאַנילאָוויטש און דער ברודער זיינער שאַמאַק, די קיעווער יידן שמשון (Sumsia) קראַווטשיק און ראַבּטשיק אָדער דאָקטאָראָוויטש, די בערעסטעטשקער יידן העשיאָ־הירש און אברהם, די לוצקער יידן עניאָ גלוכי, עניאָ מאָמאָטליווי, שכנא פּסחאָוויטש, עלקאָן דאַנילאָוויטש, ישראל, יודקאָ, עסקל (יאסקאָל) וכדומה.

אַ חוץ צאָלנער באַקענען אונז די אַקטן פון יענער צייט אויך מיט יידישע גרובן־אַרענדאַרן: אין י. 1454 ווערט דערמאָנט אַ ייד מיטן נאָמען יאַטשקאָ, וועלכער ווערט באַצייכנט אַלס געוועזענער „גרובן־ און מכסים־אַרענדאַר פונם גרויספירשט שווידריגיעלאָ" („Zupparius et teolonator ducis Swidrigali").

אין דאָקומענטן פון די יאָרן 1488/9 לייענען מיר וועגן אייניקע טראָקער און קיעווער יידן, וואָס עקספּלאָאַטירן גרויספירשטלעכע זאַלץ־גרובן און וואַקס־זידערייען און פאַרלאָדן אין פעסער די עקספּלאָאַטירטע פּראָדוקטן. אַ וויכטיקן צווייג פון אַרענדע־געשעפטן האָבן אויך מיט זיך פאָרגעשטעלט אַרענדעס פון קרעטשמעס: אין י. 1486 אַרענדירן קיעווער און טראָקער יידן אַלע גרויספירשטלעכע קרעטשמעס אינם פּוטיוולער קרייז; אין י. 1488 באַגעגענען מיר 3 לוצקער יידן, וואָס אַרענדירן די גרויספירשטלעכע קרעטשמעס אינם וואָהלעלער קרייז א. אַז. וו.

א חוץ דעם אָנטייל אין דער אַדמיניסטראַציע מיט די גרויס-פירשטלעכע רעגאַלן, לאָזט זיך אויפן סמך פון דער „ליטווישער מעטריק" פעסטשטעלן אויך אַ באַדייטנדיקער אָנטייל פון יידן אין דער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָלאָניזאַציע פון ליטע.

צווישן די יאָרן 1463—1478 ווערט דערמאָנט אַ ליטווישער ייד, לעוואָן שאַלאָמיטש (יהודה לייב בן שלום), וואָס האָט מיטן הסכם פונם גרויספירשט געקויפט פאַר 100 שאָק גראָשן דאָס דאָרף נעווערעוואַ. דערזעלבער ייד האָט נאָך געהאַט אין זיין רשות דאָס דאָרף קאָרניטשאַ לעבן בריסק.

צווישן די אומבאַוועגלעכע גיטער, וואָס האָבן פאַר דעם גירוש-יאָר 1494 באַלאַנגט צו יידן און וואָס זענען דאַן אַריבער אין רשות פונם גרויספירשט, ווערן דערמאָנט: פאָלווארקעס און לאַנקעס, וואָס האָבן באַלאַנגט צו די גראָדנער יידן באָגדאַנאָוויטש, כאַטש-קאָוויטש און קונטשיץ; פאָלווארקעס פון אַנדערע 6 גראָדנער יידן; יידישע פאָלוואַרקעס אינם טראָקער קרייז, יידישע פאָלוואַרקעס, פיש-טייכן און מילן אינם קרייז בערעסטעטשקאָ; פאָלוואַרקעס פון יידן און דאָס יידישע דאָרף אַטאַטשיקאָוו אינם לוצקער פאָוויאַט א. אַז. וו.

וועגן דעם אָנטייל פון יידן אינם האַנדל, וואָס האָט געפירט איבער ליטע, זענען אונז דערהאַלטן קוועלן-ידיעות זינט דעם דריטן יאָרצענדליק פון 15-טן י"ה.

די באַציונגען צווישן דער פויליש-ליטווישער מלוכה און דעם דייטשן אָרדן האָבן אינם דאָזיקן יאָרצענדליק אָנגענומען אַ מער פרידלעכן כאַראַקטער און עס איז אַ דאַנק דעם לעבעדיקער געוואָרן דער האַנדל מיט דאַנציג.

אויפן סמך פון פּראָטעקציע-בריוו פונם ליטווישן גרויספירשט וויטאָלד באַקומען ליטווישע יידן שוין פונם יאָר 1423 אָן דאָס רעכט צו טרייבן מסחר אין די אָרדנלענדער.

אין די שטאָטישע ביכער פון דאַנציג ווערן דערמאָנט אייניקע יידישע סוחרים פון ליטע, וואָס האָבן צווישן די יאָרן 1423—1436 עקספּאָרטירט איבער דער האַפן-שטאָט אַזעלכע סחורות, ווי האָלץ, וואַקס, פוטערוואַרג, פעלן וכדומה.

אין יאָר 1423 באַווייזט זיך אין דאַנציג דער ליטווישער ייד

אברהם באָסערמעני ן. מיט אַ צייט שפּעטער קומט אָן דער עקספּאָרטער שמואל לאַוועראוויצע (!) פון טראָק און אַנדערע.

אַרום דער העלפט פון 15-טן י״ה האַנדלט אין די אָרדנלענדער דער גראָדנער ייד שלמה. ער פירט קיין דאַנציג שטאָף, זילבערנע פּאַסעס, הערמעלין-פוטערס, פעפער, מושקאַטן-ניס וכדומה.

ווען מען האָט אים אַמאָל באַראַבעוועט נישט ווייט פון דאַנציג, האָט זיך מיט דער זאַך פאַראינטערעסירט דער פוילישער קעניג, קאַזשמיעזש דער יאַגיעלאָנער און ער האָט אָנגעשריבן אַ בריוו צום דייטשן אָרדנמייסטער לודוויג פון ערליכהויזן, אַז מען זאָל דעם יידן צוריקגעבן די סחורה.

אַרום י 1448 ווערן דערמאָנט יידן פון בריסק און לוצק, וואָס פירן אויף טראַטוועס סחורות-טראַנספּאָרטן אין די אָרדנלענדער ביים באַלטישן ים.

אין לערך דערזעלבער צייט (1445) באַווייזט זיך אין דאַנציג אַ קאָנסאָרציום ליטווישע יידן-עקספּאָרטערן, וואָס באַשטייט פון 4 שותפים: האָלאָפּענע, מאַגדון, סלאָמאַ-שלמה און דעטקאָ.

אין י 1454 האָט דער דאַנציגער שטאָטראַט אויסגעפּועלט פאַר זיין סוחרים-קלאַס אַ פּריווילעגיע, וואָס נעמט צו ביי אַלע פרעמדע סוחרים דאָס רעכט צו געניסן פון כלערליי באַגינסטיקונגען. נישט געקוקט דערויף, האָבן די יידן פון ליטע ווייטער געטריבן זייער האַנדל קיין דאַנציג.

אין י 1454 ענדיקט זיך די ממשלה פון דייטשן אָרדן איבער דער באַרימטער באַלטישער האַנדלס-שטאָט. דאַנציג ווערט אַ פרייע שטאָט אונטער פוילנס אויבערהערשאַפט.

אין י. 1466 גייט אַריבער אין פוילנס אויבערהערשאַפט אויך דער איבעריקער אָרדנבאַזיץ (טורנער שלום).

מיט דידאָזיקע פּאָליטישע ענדערונגען איז באַשאַפן געוואָרן אַ וויכטיקער פאַקטאָר אויף צו פאַרשטאַרקן די האַנדלס-באַציונגען פון די פויליש-ליטווישע יידן מיט די צפונדיקע לענדער ביים באַלטיק. די שפּעטסטע קוועלן-אָנווייזונגען פאַר דידאָזיקע באַציונגען במשך פון דער באַהאַנדלטער תקופה זענען אונז פאַרבליבן פונם יאָר 1476 און זיי דערציילן אונז וועגן צוויי ליטווישע (אָדער וואָלינער) יידן, זוב (Zub) און מיכאל, וועמען דער פוילישער קעניג האָט גאַראַנטירט

אין ספעציעלע פריווילעגיעס דאָס רעכט פון פרייען האַנדל אין די ברעג-לענדערביים באַלטישן ים.

אַ חוץ דעם האַנדל מיט די באַלטישע געביטן באַגעגענען מיר ליטווישע יידן בעת דעם 15-טן י"ה אויך אינם אָ ר י ע נ ט - ה אַ נ ד ל, וואָס האָט פון איין זייט געפירט איבער קיעוו, פאָדאָל ביז די האַנדלס-קאָלאָניעס ביים שוואַרצן ים אָדער קיין קאָנסטאַנטי-נאָפּאָל, און פון דער אַנדערער זייט קיין פוילן (לעמבערג, קראָקע), מאַזאָוויע און שלעזיע (ברעסלוי).

אַרום י. 1445 ווערן אין די רייסישע געריכטס-אַקטן דערמאָנט יידן פון קיעוו, וואָס האָבן דעמאָלט געפירט אַ האַנדל קיין רויט-רייסן.

אין י. 1453 פירן צוויי טראָקער יידן, אברהם און מאָרדוש-מרדכי איבער פאָדאָל סחורות אין ווערט פון 1.600 גילדן. ביי קאַ-מעניעץ-פאָדאָלסק בארויבעוועט זיי אַ זון פונם קאַמעניעצער קאַש-טעלאַן און די יידן פאַרקלאָגן אים פאַרן פוילישן קעניג. אויך פון י. 1456 איז פאַרבליבן אַ קוויטל-ידיעה וועגן יידישע סוחרים, וואָס זענען דורכן זעלבן שררה באַראַבעוועט געוואָרן, בעת זייער האַנדלס-נסיעה צום שוואַרצן ים אָדער צוריק קיין ליטע.

די סחורות, וועלכע דער שררה — דעמאָלט אַ סטאַראָסטע אין קאַמעניעץ—האָט ביי זיי צוגענומען, זענען ווערט געווען 600 מאַרק. אַ ראיה, אַז דער טראַנספּאָרט האָט געמוזט זיין זייער אַ באַדייטנ-דיקער.

לויט ידיעות, וואָס זענען דאָ נישט לאַנג אויפגעזוכט געוואָרן אין וואַרשעווער אַרכיוון, זענען יידישע סוחרים פון ליטע געשטאַנען אין לעבהאַפטע האַנדלס-באַציונגען מיט די יידן אין מאַזאָוויע און זיי האָבן טיילמאָל אונטערגענומען ווייטע האַנדלס-נסיעות קיין איטאַליע.

פון יאָר 1483 זענען אונז אויפגעהיט געוואָרן פאַרשרייבונגען וועגן אַ אינטערעסאַנטן פראָצעס, וועלכן אַ בריסקער ייד, זוסמאַן האָט פאַרפירט קעגן אַ וואַרשעווער יידן, רבאון: דער בריסקער ייד האָט פאַרקלאָגט דעם וואַרשעווער, אַז ער זאָל אים אומקערן די הוצאות, וועלכע עס האָט אים אָפּגעקאָסט אַ (האַנדלס-) נסיעה קיין וו ע נ ע ד י ג.

בעת דער פאַרהאַנדלונג דערקלערט רבאון, אַז ער האָט זיך מיט דעם אָנקלאָגער אויסגעגליכן ביים געריכט פון יידישע „דאָקטוי-

רים״ (רבנים) און ער לייגט פאַר אַלס באַווייז אַ העברעישן כתב. דאָס לאַנד-געריכט אָנערקענט דעם באַווייז.

די ידיעות, וועלכע מיר האָבן ביזאַהער געבראַכט וועגן דער ווירטשאַפטלעכער טעטיקייט פון די יידן אין ליטע, באַלייכטן — דאָס זעט מען אין פלוג פונם אינהאַלט פון די דאָקומענטן—אויסשליסלעך די ראָלע פון די ליטווישע „גרויס-יידן״.

בלויז „גרויס-יידן״ מיט באַדייטנדיקע געלט-מיטלען האָבן געקאָנט איבערנעמען ערד-שטחים אויף צו קאָלאָניזירן זיי און פאַרוואַנדלען אין פאָלוואַרקעס און דערפער; בלויז זיי האָבן זיך געקאָנט דערשלאָגן צו די גרויסע אַרענדעס פון מכסים און גרובן, בלויז צווישן זיי האָבן זיך געקאָנט געפינען יענע געניטע גרויס-הענדלער, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אינם האַנדל מיטן אָריענט, ווי אויך יענע עקספּאָרטערן, וואָס האָבן היימישע פּראָדוקטן און צומאָל אויך אָריענט-סחורות עקספּאָרטירט קיין דאַנציג.

וועגן די יניקה-קוואַלן פון די ווייניקער פאַרמעגלעכע יידן אין ליטע שווייגן די קוועלן פון 15-טן י״ה. מיר קאָנען אָבער משער זיין, אַז זיי האָבן זיך מפרנס געווען דער עיקר פון מלאכה און קרעמעריי.

אַ שטיץ-פונקט פאַר דערדאָזיקער השערה גיבן אונז די פאָר געבראַכטע ידיעות וועגן דער יידישער מלאכה אין ליטע ביים סוף פון 14-טן י״ה, ווי אויך די פאַרהעלטענישן אינם שכנותדיקן פוילן, בפרט אין רויט-רייסן, וואָס ווייזן אַרויס כלל אַ סך ענלעכקייטן צו דער לאַגע אין ליטע.

דאָס ווירטשאַפטלעכע לעבן פון די ליטווישע יידן האָט נצהאַט בעת דער באַהאַנדלטער תקופה אַ רואיקן פאַרלויף, אָן שום דערשיטערונגען. מיר הערן נישט בעת דער גאַנצער צייט פון קיין שום קאָנפליקטן, — נישט מיט די אַדל-לייט-באָיאַרן, נישט מיט דעם שטאָטישן עלעמענט, וואָס איז אין ליטע כלל נאָך געווען אַן אומבאַדייטנדיקער און שוואַכער.

צוליב דער אונטערשטעליקער ווירטשאַפטלעכער קולטור אין די שטחים פונם גרויספירשטנטום האָבן די יידן געקאָנט אויסקומען מיט לאַנדווירטשאַפט, האַנדל און מלאכות און זיי האָבן זייערע קאַפּיטאַלן נישט נויטיק געהאַט צו קאָנצענטרירן אויף אַזאַ סכנותפולער פּאָזיציע, ווי דאָס וואוכעריי-געשעפט.

אין די קוועלן פון דער באַהאַנדלטער צייט האָבן מיר געפונען

בלויז איין איינציקע ידיעה וועגן אַ הלוואה, וועלכע אַן אַדלמאַן האָט גענומען ביי אַ יידן, וואָס האָט געלעבט אין ליטע. זי שטאַמט פון י. 1454 און באַלאַנגט צו דעם פון רויט-רייסן איינגעוואַנדערטן יידן, יאַטשקאַ פון בוסק. היות אָבער דער הלוואה-געבער ווערט אין דער באַטרעפנדיקער קוועלן-נאָטיץ באַצייכנט אַלס „גרובן-פּאַכטער און מכסים-אַרענדאַר פונם פירשט שווידריגיעלאָ", איז משער צו זיין, אַז דאָס הלוואה-געשעפט, וועלכעס ער האָט געמאַכט, איז געווען בלויז אַ דערבייאיקע פּאַרדינסט-געלעגנהייט.

דאָסזעלבע קאָן מען אויך אָננעמען וועגן אַנדערע ליטווישע „גרויס-יידן", אויב זיי האָבן ווען ס'איז אַנטליען אויף פּראָצענטן. אַן אויסקריסטאַליזירטער באַנקירן-שיכט איז צווישן די ליטווישע יידן בעת דער באַהאַנדלטער תקופה, ווייזט אויס, נאָך נישט אַנטשטאַנען.

דער ערשטער באַוואוסטער אויפרייס, וואָס האָט צערודערט דאָס יידישע לעבן אין ליטע, איז פּאָרגעקומען כוף יאָר 1494 אָדער אָנהויב יאָר 1495. דער גרויספירשט אַלעקסאַנדער האָט, נעמלעך, צו יענער צייט ארויסגעגעבן אַ גירוש-פּאַראָרדענונג בנוגע אַלע יידן אין ליטע און זיי האָבן זיך געמוזט מיט קינד און קייט אָפּטראָגן פונם גרויספירשטנטום, איבערלאָזנדיק אויף הפקר זייער גאַנצן אומבאַוועגלעכן באַזיץ.

היות, ווי וואָלין האָט דעמאָלט באַלאַנגט צו ליטע, האָט דער גירוש-דעקרעט אויך געטראָפן די וואָלינער יידן.

די פּאָרגעשיכטע פונם גירוש איז אונז נישט באַוואוסט. עס איז אַפילו נישט אויפגעהיט געוואָרן דער גירוש-דעקרעט גופא. דאַקעגן איז אונז פּאַרבליבן אַ בינטל דאָקומענטן פונם יאָר 1495, וואָס באַלייכטן דעם עפּילאָג באַלד נאָך דער קאַטאַסטראָפע פונם ליטווישן יידנטום.

מיר ווערן פון די דאָקומענטן געוואָר, אַז דער גרויספירשט האָט געלאָזט איינציען פאַר זיך אַלע אומבאַוועגלעכע גיטער, וואָס זענען פאַרבליבן נאָך די גירושים און אַז ער האָט אַ גרויסן טייל פון זיי פאַרשאָנקען צו די באָיאַרן זיינע און צו די שטעט, וואָס זענען געווען אין זיין רשות.

דערפון קאָנען מיר משער זיין, אַז דער גירוש האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַן ענלעכע „פינאַנץ-אָפּעראַציע", ווי די גירושים, וועלכע מיר באַגעגענען אָן אַ שיער אין דער מיטלאַלטערלעכער

מערב-אייראָפּע: אַ גוואַלט-אַקט פון אַ הערשער אויף איינצושטילן דעם אייגענעם געלט-אַפּעטיט אָדער אויף צו באַפרידיקן מיט יידיש האָב געוויסע התחייבותן לגבי איבערגעגעבענע שררות...

לויט דער פּראָפּאָרציע, וואָס האָט זיך אין שפּעטערע צייטן סטאַביליזירט צווישן דער צאָל יידישער באַפעלקערונג אין פּוילן און דער צאָל יידן אין ליטע און וואָס האָט זיך פאַרגעשטעלט מער-ווייניקער, ווי 1:3, קאָנען מיר משער זיין, אַז אין ליטע (און וואָלין) האָבן געלעבט קורץ פאַרן גירוש לערך 5.000 — 6.000 יידן, דהיינו קרוב צו איין דריטל פון דער צאָל יידן, וועלכע מיר האָבן פאַרן סוף פון מיטלאַלטער אויסגערעכנט פאַר פּוילן.

פון די גירושים האָט אַ טייל אויסגעוואַנדערט איבער פּאָדאָל אין די האַנדלס-קאָלאָניעס ביים שוואַרצן ים, און אַ גרעסערע צאָל האָט זיך אַריבערגעצויגן קיין פּוילן.

פון אַ דאָקומענט פון יאָר 1498 דערוויסן מיר זיך, אַז דער פּוילישער קעניג האָט די גירושים דערלויבט אויפצוהאַלטן זיך אין די קעניגלעכע שטעט פון דער מלוכה. דידאָזיקע דערלויבעניש איז, ווייזט אויס, געווען אַ צייטלעך באַגרענעצטע, וואָרים דער קעניג פּראָלאָנגירט אין י. 1498 דאָס אויפהאַלט-רעכט אויף נאָך איין יאָר.

וואַרשיינלעך זענען פאַרגעקומען נאָך אייניקע אַזעלכע פּראָלאָנגאַטעס. סוף-כל-סוף ווערן די גירושים אין י. 1503 צוריק פאַרבעטן קיין ליטע און זיי קערן זיך אום אין די מקומות, פון וואַנען זיי זענען מיט 8 יאָר פריער פאַרטריבן געוואָרן.

§ 131 יידישע ישובים ביים שוואַרצן ים.

פּוילן און ליטע זענען לגמרי נישט געווען די איינציקע איינוואַנדערונגס-לענדער אינם אייראָפּעישן מזרח, וואוהין עס האָבן געשטראָמט די כוואַליעס פון דער וואַנדער-באַוועגונג, אין וועלכער ס'זענען בעת דער באַהאַנדלטער תקופה אַריינגעצויגן געוואָרן מערב-אייראָפּעישע יידן.

אין דער צווייטער העלפט פון 13-טן י"ה האָבן זיך אין די שטחים ביים שוואַרצן ים געשאַפן שטאַרקע צוציונגס-פונקטן פאַר די יידישע סוחרים פון איטאַליע און גריכנלאַנד און עס האָבן גענומען אויפבליען

אַלטע יידישע ישובים, וואָס האָבן דאָ עקזיסטירט נאָך פון די כּוזרישע צייטן.

אין י. 1259 האָט די האַנדלס-רעפּובליק גענוא באַגרינדעט אויף דעם קרים-אינזל אירע אַ האַנדלס-קאָלאָניע, ק אַ פ אַ, וואָס איז אינגיכן געוואָרן איינער פון די וויכטיקסטע פאַקטאָרן אינם אָריענט-האַנדל צווישן אַזיע און אייראָפּע.

חוץ קאַפאַ שאַפן די גענועזער נאָך אַ ריי האַנדלס-זידלונגען ביים שוואַרצן ים, ווי, אַ שטייגער, אין ק אַ ט ש י ב ײ (אָדעס), אין ב י אַ ל אָ ג ר אָ ד (אַקערמאַן) און אין ק י ל י אַ ביים אויסגוס פונם דאַנאַו-טייך.

דידאָזיקע זידלונגען בילדן אַ ווענדפּונקט אין דער געשיכטע פונם אייראָפּעישן האַנדל מיטן אָריענט און זיי זענען אויך גורם געווען דערצו, אַז איינער פון די יידישע וואַנדער-שליאַכן פון מערב זאָל באַרירן די האַנדלס-צענטערס ביים שוואַרצן ים.

פון י. 1358 איז דערהאַלטן אַ כּתב-יד פון אַ קאַראַיטישן מחבר (אברהם קירימי) פון סולכאַט (אַלט-קרים), וואָס טראָגט אויף זיך דעם שטעמפּל פון יידיש-איטאַליענישע השפּעות. אַ ראיה, אַז אַ יידיש איטאַליענישע איינוואַנדערונגס-כוואַליע האָט זיך דעמאָלט געהאַט אָפּגעשטעלט אין קרים.

צווישן די יאָרן 1387—1396 באַקומט פּוילן די איבערהערשאַפט איבער מאָלדאַוויע, וואַלאַכיי און בעסאַראַביע און דערגרייכט אויף אַזאַ אופן די בערג-שטחים ביים שוואַרצן ים. דערמיט עפנט זיך אויך פאַרן פּויליש-ליטווישן יידנטום אַ וועג צו די גענועזער האַנדלס-קאָלאָניעס, אַ וועג, וואָס האָט געדינט נישט בלויז פאַר האַנדלס-נסיעות, נייערט אויך פאַר וואַנדערונגען צוליב אַ שטענדיקער באַזעצונג.

דער דייטשער רייזנדער י אָ אַ ן ש י ל ט ע נ ב ע ר ג, וואָס האָט צווישן די יאָרן 1394—1427 באַזוכט „קליין-קאָנסטאַנטינאָפּאָל” (אַזוי פלעגט מען דעמאָלט באַצייכענען קאַפאַ), האָט דאָ אָנגעטראָפן צוויי מינים יידן (ווייזט אויס, רבנים און קראים), וואָס האָבן געהאַט באַזונדערע שולן.

דערזעלבער עד-ראיה גיט אויך איבער, אַז די יידן האָבן דעמאָלט באַוואוינט אין קאַפאַ 4000 הייזער.

דאָס איז זיכער אַ גוזמאדיקע ציפער!

מען קען בלויז משער זיין, אז די צאל יידן אין קאפא האט צו יענער צייט געמוזט זיין זייער אן אנזעעוודיקע.

גענוא, וואס האט פאר יידן געהאלטן פארמאכט אירע טויערן, האט פונדעסטוועגן גערן געזען, אז יידן באזעצן זיך אין אירע האנדלס־קאלאניעס און עס האט זיי דארט ענערגיש געשיצט דורך אירע קאלאניאל־קאנסולן.

די הויפט־באשעפטיקונג פון די יידן אין די גענועזער קאלאניעס ביים שווארצן ים איז געווען דער אריענט־מסחר.

איינעם א יידן פון קאפא, מיטן נאמען כ ל ב, האבן מיר ארום דער העלפט פון 15־טן י״ה געטראפן אין פוילן און מיר האבן געזען, אז ער האט דא געפירט א האנדל פון א גרויסן פארנעם.

מיר האבן לערך אין דערזעלבער צייט אויך באגעגנט פויליש־ליטווישע יידן, וואס פלעגן צוליב מסחר מאכן נסיעות אין די האנדלס־שטעט ביים שווארצן ים און מיר קאנען פעסטשטעלן, אז די האנדלס־באציונגען צווישן קרימער און פויליש־ליטווישע יידן זענען דעמאלט געווען גאנץ לעבעדיקע.

ביים אנהויב 70־קער יארן פון 15־טן י״ה ווערט אין די איטאליענישע קאלאניעס ביים ע ו ק ס י נ ו ס אלץ הייסער דער באדן. די רייבונגען צווישן די איטאליענער און טערקן ווערן אלץ העפטיקער און טייל קרימער יידן ווארטן נישט אויפן אויסגאנג פון די קאמפן, נייערט זיי וואנדערן באצייטנס איבער קיין פוילן.

צווי, א שטייגער, באגעגענען מיר אין י. 1474 א גרעסערע מחנה קרימער יידן, וואס האט דעמאלט אונטער דער פירונג פונם ווענעציאנער ייד י ע ק ב א נ ז ע ל מ י איינגעוואנדערט אין די מאכט־געביטן פונם פוילישן קעניג.

אין י. 1475 פאלט קאפא און עס גייט אריבער אין רשות פון די טערקן. א קורצע צייט שפעטער באהערשט דער סולטאן מאכמעד II דעם גאנצן קרים־אינזל.

אינם האנדלס־לעבן פון די קרימער יידן באקומען זינט דער־דאזיקער פאליטישער איבערקערעניש א באזונדערע באדייטונג די שטחים פון דער אזיאטישער און אייראפעישער טערקיי, בפרט מיטן אויפבליענדיקן האנדלס־צענטער אין קאנסטאנטינאפאל.

ביים סוף פון 15־טן י״ה מערקט זיך אין קרים אן איינוואנ־

דערונג פון ליטווישע יידן, וואָס זענען דאָ אָהערגעטריבן געוואָרן דורכן אונז שוין באַוואוסטן גירוש־דעקרעט פון די יאָרן 1494/5.

מיר באַגעגענען די גירושים אין קאַפאַ, סולכאַט און אַנדערע קרימער ישובים.

§ 132 יידן אין דער מלוכה פון דער „גאָלדענער האָרדע" און אין מאָסקווער גרויספירשטנטום.

ווי ס'ווייזט אויס, איז פון די ישובים ביים שוואַרצן ים אין משך פון 15־טן י"ה געגאַנגען אַן אומבאַדייטנדיקע עמיגראַציע פון צפון־זייט קיין קיפטשאַק, דער מלוכה פון דער „גאָלדענער האָרדע".

ווי נישט איז, בלייבט אַ פאַקט, אַז די כאַנען פון קיפטשאַק האָבן זיך טיילמאָל באַנוצט מיט קרימער יידן, ווי מיט יועצים און דיפּלאָמאַטן.

איינעם אַזאַ יידן פון קרים, מיטן נאָמען כאַזאַ קאָקאָס, באַגעגענען מיר צווישן די יאָרן 1474—1486 אויפן הויף פונם כאַן מענגלי־גירי, וואו ער האָט פאַרנומען די שטעלע פון אַ דיפּלאָמאַט און פון אַ פאַרמיטלער מיטן מאָסקאָוויטישן גרויספירשט איוואַן דעם III־טן.

נאָך דעם י. 1486 האָט דעם אַמט איבערגענומען אַ געוויסער זכריה, וועלכער ווערט אויך באַצייכנט אַלס „פירשט פון טאַמאַן", נאָר עס איז נישט זיכער, צי ער איז געווען אַ ייד.

לסוף איז נאָך כדאי צו דערמאָנען וועגן אַ קליינעם יידישן וואַנדערונגס־שליאַך, וואָס האָט געפירט אין דעם מאַכט־געביט פון די גרויספירשטן פון מאָסקווע.

די ערשטע שפורן פון אַזאַ וואַנדערונג לאָזן זיך אויפזוכן אין דער צייט פון דעם שוין דערמאָנטן איוואַן דעם III־טן.

אין י. 1470 האָט זיך אַהער פאַרקליבן אַ גרופע ליטווישע יידן מיט אַ געוויסן זכריה בראש. זכריה האָט זיך געמאַכט אַ שם דערמיט, וואָס ער האָט גורם געווען צו דער אַנטשטייונג פון אַ סעקטע „יודאַיזירנדיקע".

אַ קורצע צייט נאָך זכריהן באַווייזט זיך אין דעם גרויס־

פירשטנטום אַ װענעציאַנער ייד, דהיינו, דער מעדיצין-דאָקטאָר מ ע ס ע ר ל ע אָ ן, װעלכן דער גרױספירשט האָט אַריבערגעבראַכט קיין מאָסקװע, אום צו היילן דעם זון.

דער סוף פונם דאָזיקן רופא איז געװען טראַגיש ביז גאָר: װען ביים גרױספירשט איז געשטאָרבן דער זון, װעמען דער װענעציאַנער דאָקטאָר האָט געדאַרפט אויסהייקן, האָט דער גרױספירשט געלאָזט דעם דאָקטאָר קעפּן.

קאַפּיטל אַכט און פערציק

די פאַרשפּרייטונג פון די יידן אין די באַלקאַן-לענדער און אויף די אַרומיקע אינזלען, און זייער ווירטשאַפטס-לעבן (זינט דער העלפט פון 14-טן יאָרהונדערט ביזן אויסגאַנג פון מיטלאַלטער)

§ 133 יידישע ישובים אין די באַלקאַן-לענדער, ווי אויך אויף די דערבײאיקע אינזלען.

אין דער צווייטער העלפט פון 14-טן י״ה, ווען די טערקן האָבן אונטערן סולטאַן מוראַד I (1389—1360) געמאַכט פּסדרדיקע דעראָבערונגען אויפן באַלקאַן, פאַלט אַראָפּ דער געדיכטער שלייער, וואָס ליגט אויסגעשפּרייט איבער דער עלטערער געשיכטע פון די יידישע ישובים אין צפון-זייט פון גריכנלאַנד.

ביז לערך דער העלפט פון 14-טן י״ה זענען אונז אויפגעהיט געוואָרן בלויז געציילטע ידיעות וועגן יידן אין דידאָזיקע געגנטן. לויט די טראַדיציאָנעלע מיטיילונגען, זאָל די קהילה אין יאַנינאַ (אַלבאַניע) שטאַמען נאָך פון 12-טן י״ה.

ביים איבערברוך פון 11-טן און 12-טן י״ה לעבט אין אַן אַנ-דערער אַלבאַנישער שטאָט, דהיינו, אין קאַסטאָריאַ (קאַסטוריה) דער דיכטער ר׳ טוביה בן אליעזר. אין 12-טן י״ה האָט גע-ווירקט ר׳ מאיר פון קאַסטאָריאַ. ביים סוף פון דעמזעלבן י״ה ווייס אונז דער באַרימטער בנימין פון טודעלאַ צו דערציילן, אַז אין וואַלאַכיי זאָל די אָרטיקע באַפעלקערונג אָפּשטאַמען פון יידן.

סוף 12-טן און אָנהויב 13-טן י״ה פאַרבעט די בולגאַרישע די-

נאָסטיע פון די אַ ס ע נ י ד ן סוחרים פון איטאַליע און ראַגוזאַ, אַז זיי זאָלן זיך באַזעצן אין בולגאַריע און אַנטוויקלען דאָ דעם מסחר.

דעמאָלט זאָלן האָבן אַ סך יידן איינגעוואַנדערט קיין בולגאַריע און די אַנטשטייונג פון דעם יידישן ישוב אין ט י ר נ אָ וו אָ ווערט געבראַכט אין אַ צוזאַמענהאַנג מיט דערדאָזיקער איינוואַנדערונג.

אַן אַלטער יידישער ישוב (געגרינדעט נאָך אין אַלטערטום) האָט אויך עקזיסטירט אין אַ ד ר י אַ נ אָ פּ אָ ל (אַדריאַנופּולי).

פון דער ערשטער העלפט פון 14-טן י״ה זענען אונז פאַרבליבן זיכערע קוועלן-ידיעות וועגן יידן אין די בולגאַרישע שטעט: אָ כ ר י-ד אָ, פ י ל י פ אָ פ אָ ל (1344), מ ע ס ע מ ו ר י אַ (1352), ז אַ-ג אָ ר אַ (1344).

פאַר דער צייט פון די טערקישע דעראָבערונגען אויפן באַלקאַן ביזן י. 1453, ווען עס איז פון די טערקן איינגענומען געוואָרן קאָנסטאַנטי-נאָפּאָל, זענען אונז באַוואוסט נאָך פאָלגנדיקע יידישע ישובים אין די דעראָבערטע געביטן: אַ ר ט אַ (אורטה-קיואי אין אַלבאַניע), ב ד י ן - וו י ד י ן (בולגאַריע), ג אַ ל י פ אָ ל י, נ י ק אָ פ אָ ל י ס (בולגאַריע), פ ל ע וו נ אַ (בולגאַריע), פ ר ע וו ע צ אַ (אַלבאַניע), ס ע ר ד י צ אַ - ז אָ פ י אַ (בולגאַריע), ס אַ ל אָ נ י ק י, ט י ר נ אָ וו אָ (בולגאַריע).

די דעראָבערונגען פון די טערקן און די גוטע באַציונג זייערע צו יידן האָבן גורם געווען דערצו, אַז די באַלקאַן-לענדער זענען שוין אין דער צווייטער העלפט פון 14-טן י״ה געוואָרן אַ שטאַרקער צו-ציונגס-פאַקטאָר פאַר יידישע וואַנדערער.

אין דער צייט פון 1350 ביז 1453 לאָזן זיך דאָ נאָכווייזן יידישע איינוואַנדערער-מחנות פון א ו נ ג אַ ר ן, ב יי ע ר ן, ע ס ט-ר יי ך, א י ט אַ ל י ע, פ ר אַ נ ק ר יי ך און ש פּ אַ נ י ע.

מיר ברענגען אַ בינטל פּרטים, וואָס אילוסטרירן דידאָזיקע איינוואַנדערונגען: אין צוזאַמענהאַנג מיטן גירוש, וואָס איז פאַר-אָרדנט געוואָרן אין י. 1376 דורכן אונגאַרישן קעניג לודוויג, באַגע-געגען מיר א ו נ ג אַ ר י ש ע יי ד ן - ג י ר ו ש י ם אין די בולגאַרישע שטעט אַדריאַנאָפּאָל, ניקאָפּאָל, זאָפיאַ, ווידין וכדומה.

אין אַדריאַנאָפּאָל האָבן די גירושים געשאַפן אַ באַזונדערע לאַנדסמאַנשאַפט, וועלכע האָט זיך לויט דער אונגאַרישער הויפּט-שטאָט בודע-אָפען גערופן „ב ו ד ו ן".

אין דעמזעלבן יאָר 1376 וואַנדערן איין קיין בולגאַריע יידן, וואָס זענען דעמאָלט פאַרטריבן געוואָרן פון ב י י ע ר ן. אַרום דער־זעלבער צייט באַגרינדעט ר׳ שלום פון (ווינער) נ י י ש ט אָ ט א ישיבה אין ווידין.

אין יאָר 1382, ווען מוראַד I האָט דעראָבערט די בולגאַרישע שטאָט סערדיצאַ-זאָפיאַ, האָבן דאָרט עקזיסטירט באַזונדערע לאַנדס־מאַנשאַפטן פון ב י ז אַ נ ט י ש ע, א ו נ ג אַ ר י ש ע און א י־ט אַ ל י ע נ י ש ע יידן.

אין י. 1394 האָט קיין אַדריאַנאָפּאָל איינגעוואַנדערט אַ מחנה פ ר אַ נ צ ו י ז י ש ע יידן, וועלכע האָבן דאָ געשאַפן אַ באַזונדערע אַשכנזישע קהילה מיט ר׳ י צ ח ק צ ר פ ת י בראש.

אַרום דערזעלבער צייט האָבן קיין בולגאַריע אויך איינגעוואַנ־דערט יידן פון ק אַ ס ט י ל י ע (ווי, אַ שטייגער, ר׳ ח נ ו ך ס אַ ס־פּ אָ ר ט אַ ס, וואָס האָט זיך באַזעצט אין קוסטאַנדינאַ-קאָנסטאַנטין און וואָס האָט זיך שפּעטער אַריבערגעצויגן קיין אַדריאַנאָפּאָל) און א י ט אַ ל י ע. די יידיש-איטאַליענישע איינוואַנדערונגס-כוואַליע האָט געמוזט זיין אַ זייער באַדייטנדיקע, וואָרים מיר באַגעגענען דעמאָלט אין אַדריאַנאָפּאָל אַזש דריי באַזונדערע לאַנדסמאַנשאַפטן פון איטאַליענישע יידן („איטאַליאַ״, „אַפּוליאַ״ און „סיציליאַ״-„ציציליה״).

אין יאָר 1428 באַווייזן זיך אין די טערקישע געביטן אויפן באַלקאַן יידן פון ד י י ט ש ל אַ נ ד, צווישן זיי אַ געוויסער ר׳ קלמן און ר׳ דוד, וואָס אויף זייער עצה האָט ר׳ יצחק צרפתי אַרויסגע־געבן אַ ספּעציעלן קול-קורא צו די יידן „אין די שטעט פונם שוואַבן־לאַנד, פון די ריין-לענדער, פון שטייערמאַרק, מערן און אונגאַרן״, אַז זיי זאָלן זיך פון דידאָזיקע גירוש-לענדער ווענדן קיין טערקיי.

פון דער צווייטער העלפט פון 15-טן י״ה לאָזן זיך אויפווייזן צוויי שטאַרקע וואַנדער-באַוועגונגען אין די אייראָפּעישע מאַכט-געביטן פון טערקיי: איינע אין י. 1453/4 אין צוזאַמענהאַנג מיט קאַפּיסטראַ־נאָס אַקציע אין מערן, שלעזיע און פוילן, די צווייטע ביים סאַמע סוף פונם מיטלאַלטער אין צוזאַמענהאַנג מיטן גירוש שפּאַניע (1492–1497).

מיטן ערשטן איינוואַנדערונגס-שטראָם קומען אָן שלעזישע און

פוילישע יידן, וועלכע באַזעצן זיך ס'רוב אין אַדריאַנאָפּאָל, קאָנסטאַנ-טין, ניקאָפּאָליס, ווידין, סאַלאָניקי און סידרוקאַפּסאַצי.

אַ צייט שפּעטער קומען דאָ אויך אָן יידן פון קרים. אַ באַ-זונדערס גרויסע באַדייטונג האָט געהאַט די צווייטע איינוואַנדערונגס-כוואַליע, וואָס האָט מיט זיך געבראַכט ספרדישע יידן פון שפּאַניע.

דער רוב פון די ספרדים האָט זיך באַזעצט אין סאַלאָניקי, אַדריאַנאָפּאָל און קאָנסטאַנטינאָפּאָל. עס זענען אָבער אויך אַנטשטאַנען ספרדישע קהילות אין אַ ריי אַנדערע שטעט און שטעטלעך, ווי אין זאָפיאַ, גאַליפּאָלי, פּלעווגאַ, ניקאָפּאָלי, פיליפּאָפּאָל, ווידין, יאַנינאַ, אַרטאַ, וואו עס האָבן שוין פון פריער עקזיסטירט יידישע ישובים, און, חוצדעם, נאָך אין אַזעלכע יונגע ישובים, ווי אין א ו י ל ו נ ה, פּ אַ ט ר ץ, ל י פּ אַ נ ט ו, ק ו ס - ק י נ ג ו ך, ב ח אַ ס - ק י ו אַ י, ב אַ ל אַ ט, אַ מ אַ צ י אַ, ק אַ ז אַ ל נ י ק - ז אַ ג ר ה, י אַ מ ב ו ל, ט ר י ק אַ ל ה, צ אַ ו ט ה, א י ס ק ו ב און ש י ר ו ן - ס י ר י ס.

צווישן די לאַנדסמאַנשאַפטן, וועלכע די ספרדים האָבן געשאַפן אין דער נייער היים, באַגעגענען מיר קאַסטילישע, קאַטאַלאָנישע, אַראַגאָנער, קאָרדאָבאַנער, סעווילער, מאַלאָרקאַנער, סיציליאַנער וכדומה. לויט אַ מיטטיילונג פון דון יצחק אַבּרבנאל זאָלן האָבן געבליבן פון די שפּאַנישע גירושים, 4 יאָר נאָכן גירוש, נישט מער, ווי 10.000 אין איטאַליע און אין טערקיי.

וועגן דער גרויס פון די יידישע ישובים אין דער אייראָפּעי-שער טערקיי זענען אונז פון דער באַהאַנדלטער תקופה נישט אויפ-געהיט געוואָרן קיין קוועלן-ידיעות.

בלויז, ווי דורך אַ צופאַל, ווערן מיר געוואָר פון דער פּאַר-טיידיקונגס-שריפט, וועלכע די יידן האָבן אַריינגעטראָגן בעתן באַ-רימטן טרידענטינער עלילת-דם-פּראָצעס אין י. 1475, אַז אין ק אָ נ-ס ט אַ נ ט י נ אָ פּ אָ ל זאָלן דעמאָלט האָבן געלעבט אַן ערך 40.000 יידן *).

*) דידאַזיקע אינטערעסאַנטע שטעלע פון דער יידישער „אַפּאָלאָגיע" קלינגט אין לאַטיינישן אָריגינאַל אַזוי: „multi Judaei sunt inter Turcos et Mauros et alios infideles et maxime in Constantinopoli, ubi sunt circa 40.000 Hebreorum".

דאָס וואָלט באַווייזן, אַז די קאָנסטאַנטינאָפּאָלער קהילה איז דעמאָלט געווען די גרעסטע אין גאַנץ אייראָפּע.

זייער באַדויערלעך איז דער מאַנגל פון וועלכע ס'איז ידיעות וועגן אַ ריי יידיש-גריכישע ישובים, ווי אַ שטייגער, טעבען, האַלמיראָס, קאָרינט, קריסאַ, נעגראָפּאָנטע, דראַמאַ וכדומה, וואָס האָבן אין דער צייט פון בנימין דע טודעלאַ געציילט צו מערערע הונדערטער משפחות אַ יעדע.

וואָס שייך יידישע ישובים אויף די אינזלען אַרום דעם באַל-קאַן, ווערן אין די קוועלן פון אונזער תקופה דערמאָנט יידן פון ראָדאָס, קאָרפו, עובעאַ, כיאָס, ציפּערן און קאַנ-דינאַ-קרעטאַ. דאַקעגן פעלן אונז אָבער ידיעות וועגן דעם אינזל לעסבאָס, וואו עס האָבן אין בנימינס צייטן עקזיסטירט 10 יידישע קהילות.

אויף דעם אינזל ראָדוס (רודי) האָט ר' משולם דע וואָל-טעראַ (מוואלטרה) אין י. 1485 אָנגעטראָפן אַ גרויסן חורבן נאָך דער מלחמה מיט די טערקן.

לויט אַ באַריכט פון ר' עובדיה פון באַרטענורא, וואָס האָט מיט 3 יאָר שפּעטער באַזוכט דעם אינזל, האָבן דאָ געלעבט סך-הכל 22 יידישע משפחות. אויף קאַנדיאַ האָט עקזיסטירט — לויט די מיטטיילונגען פון ר' משולם מוואלטרה — אַ גרויסער ישוב פון 600 יידישע משפחות. אויף קאָרפו האָבן — לויט דיזעלבע באַריכטן — געלעבט 300 יידישע משפחות.

עד כאן די פּרטים, וואָס זענען אונז פאַרבליבן וועגן דער פאַרשפּרייטונג פון יידישע ישובים איבערן באַלקאַן און די דערביי-איקע אינזלען, ווי אויך די געציילטע ידיעות וועגן זייער פאַרנעם.

פון דער גרויסער צאָל קהילות, וואָס ווערן דערמאָנט אין די קוועלן פון דער באַהאַנדלטער תקופה, ווי אויך פון דער געבראַכטער ציפער פאַר דעם ישוב אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, דרינגט אַרויס, אַז עס זענען אויפן באַלקאַן און אויף די אַרומיקע אינזלען געווען קאָנצענ-טרירט זייער באַדייטנדיקע יידישע מאַסן, נאָך איידער עס האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע ספרדישע עליה, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך די אַרויסטרייבונגען פון שפּאַניע, פּאָרטוגאַל און סיציליע.

דאָס ווירטשאַפטס-לעבן פון דידאָזיקע מאַסן ווערט דורך די אויסגעפאָרשטע קוועלן, לײַדער, זייער אומגענוגנדיק באַ-

לויכטן. אַן אַלגעמיינעם באַגריף וועגן דער לאַגע פון די יידן אין די באַלקאַן-שטחים, וואָס זענען אַריבער אין רשות פון די טערקן, גיט אונז דער פריער שוין דערמאָנטער קול-קורא פונ ר׳ יצחק צרפתי.

מיר לייענען דאָ, צווישן אַנדערעס, אַזעלכע ווערטער: „איך מיין, אַז דער גורל האָט מיך געבראַכט קיין טערקיי, אינם לאַנד פון אַלעם גוטן, אַז איך זאָל אייך (דהיינו, די יידן פון די גירוש-לענדער אין מערב-אייראָפּע) קאָנען איבערגעבן אַ בשורה טובה אין דער נויט. דורך טערקיי פירט דער בעסטער טראַקט קיין ירושלים; טאָג-טעגלעך באַנוצן דעמדאָזיקן טראַקט מחנות מאַכמעדאַנישע און יידישע סוחרים. ... מען עטעמט דאָ אַ סך לייכטער, ווי אין דייטשלאַנד און אין די שכנותדיקע לענדער. דאָרט האָט איר כסדר אויסצושטיין בייזוויליקע בלבולים. בעת זייערע פייערטעג טאָר זיך דאָרט אַ ייד נישט פאַרנעמען מיט מלאכה און אַ יידישער קרעמער טאָר דעמאָלט נישט האַלטן אָפן זיין קראָם. איר דאַרפט זיך דערי-בער נישט פוילן! זענט אייך מוכן אין וועג אַריין און קומט אין דעם לאַנד, וואָס גאָט אַליין האָט פאַר אייך באַשטימט...״

פון די ציטירטע ווערטער איז צו דרינגען, אַז אין די ניי-דעראָבערטע טערקישע שטחים האָבן די יידן נישט געהאַט קיין שום שטערונגען אין זייער ווירטשאַפטלעכער טעטיקייט און אַז זיי האָבן דאָ פראַנק און פריי געטריבן מסחר און מלאכות.

דאָסזעלבע לאָזט זיך אויך זאָגן וועגן די יידן אויף די אינזלען אַרום דעם באַלקאַן. איינער, אַן אַנאָנימער ייד, וואָס האָט באַרייזט די געגנטן פון דער לעוואַנטע, אין י. 1495, שרייבט אַזעלכע ווער-טער וועגן די ישובים אויף די אינזלען, וואָס ליגן אויפן וועג פון ווענעדיג קיין דמשק: „אין אַלע ערטער, וועלכע איך האָב דערמאָנט (דהיינו, קאָרפו, ראָדאָס, ציפרוס, פאַמאַ אויגוסטאַ וכדומה) זענען פאַראַן גרויסע ישובים, אַ חוץ אין פאַמאַ אויגוסטאַ, וואו עס לעבן ווינציק יידן. אויך טרייבן די יידן אין ערגעץ נישט קיין וואוכערײַ-געשעפטן. דאָ (אין פאַמאַ אויגוסטאַ) וואוינט אַ געוויסער ר׳ שבתי פון אַשכנז און ער פאַרנעמט זיך מיטן דאָזיקן געשעפט, וואָס איז, אַגב, דורך די גע-זעצן קיינעם נישט פאַרווערט. אין אַנדערע ערטער, דורך וועלכע איך בין אַדורכגעפאָרן, זענען די יידן

האַנטווערקער אָדער סוחרים און לעבן אין פּויל־סטער זיכערקייט״.

נאָך אין דער צייט, ווען עס האָבן ביים שוואַרצן ים עקזיסטירט די איטאַליענישע האַנדלס־קאָלאָניעס, האָט דער מסחר פון די קאָנסטאַנטינאָפּאָלער יידן געהאַט פאַרבינדונגען אויך מחוץ די באַלקאַן־לענדער. אַזוי, אַ שטייגער, באַגעגענען מיר יידן־סוחרים פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל נאָך פאַר דעם צוזאַמענברוך פון קאַפאַ (1475) אין פּוילן, וואוהין זיי פירן פלערליי אָריענט־פּראָדוקטן, ווי אָריענטאַלישע וויין־סאָרטן, אַלאַון (פון קליינאַזיע), לימענעס, געווירצן וכדומה.

זיי פאָרן קיין לעמבערג, האָבן דאָ זייערע אַגענטן און פאַרקויפן די אימפּאָרטירטע פּראָדוקטן נישט בלויז אויפן לעמבערגער פּלאַץ, נאָר אויך אין מאָלדאַווישע, פּאָדאָלער און אין קליין־פּוילישע שטעט, ווי, אַ שטייגער, אין סוטשאַווע, קאַמעניעץ־פּאָדאָלסק, טרעמבאָוולע, לובלין וכדומה.

אַ באַזונדערס גרויסע רירעוודיקייט ווייזן זיי אַרויס אין דעם לעצטן פערטל פונם 15־טן י״ה, ווען עס האָט זיך געדוכט, אַז צוליב דעם צוזאַמענברוך פון די איטאַליענישע האַנדלס־קאָלאָניעס ביים שוואַרצן ים וועלן זיך אָפּשטעלן די וויכטיקסטע האַנדלס־פאַרבינדונגען צווישן אַזיע און אייראָפּע. אַ בינטל כאַראַקטעריסטישע פּרטים וועגן יידישע סוחרים פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל, וואָס האָבן אין יענער קריטישער צייט איבער וואַלאַכיי, מאָלדאַוויע און פּוילן געשאַפן אַ וועג פאַר מזרח־סחורות קיין מערב־אייראָפּע, האָבן מיר געבראַכט אין איינעם פון די פריערדיקע קאַפּיטלען און עס איז איבעריק די פּרטים דאָ איבערצוחזרן.

היות, ווי דער וועג פון סטאַמבול קיין פּוילן האָט געפירט איבער אַדריאַנאָפּאָל און ניקאָפּאָליס, איז משער צו זיין, אַז עס האָבן זיך אין דעם מזרח־האַנדל אויך באַטייליקט יידן פון דידאָזיקע צוויי גרויסע קהילות.

אַ באַזונדערע באַטאָנונג פאַרדינט אַ ידיעה פון דער ערשטער העלפט פון 15־טן י״ה, אַז יידן האָבן געפירט צוקער פון דעם אינזל קאַנדיאַ (דעם אַזויגערופענעם „קאַנדל־צוקער״, דהיינו, „קאַנדיאַ־צוקער״) ביז קיין ווינער־נייסטאַט.

ס׳ווייזט אויס, אַז מען האָט פאַר דידאָזיקע טראַנספּאָרטן באַנוצט דעם דאָנאַו־שליאַך איבער אונגאַרן און אַז עס האָבן זיך מיטן

דאָזיקן עקספּאָרט־האַנדל פאַרנומען נישט בלויז יידן פון קאַנדיאַ, נאָר אויך יידן פון די באַלקאַן־לענדער.

דער אָנטייל פון די באַלקאַן־יידן אין מ ל א כ ו ת איז פון קדמונים אָן געווען אַ באַדייטנדיקער. נאָך אין די צייטן פונם ביזאַנטישן רעזשים האָבן זיך יידן באַטייליקט אין אַזעלכע פּראָפעסיעס, ווי ט י ש ל ע ר י י, מ ו י ע ר י י, ג ל אָ ז ־ פּ ר אָ ד ו ק צ י ע, וו ע ב ע ר י י (באַזונדערס ז י י ד ־ וו ע ב ע ר י י), פ אַ ר ב ע ר י י וכדומה.

ביי די דאָזיקע פאַכן זענען זיי אויך געבליבן אין די טערקישע צייטן. אַ גרויסע צאָל יידישע האַנטווערקער האָט אויך געלעבט אויף די אינזלען אַרום דעם באַלקאַן.

וועגן די 600 יידישע משפחות אויף דער אינזל ק אַ נ ד י אַ דערציילט ר׳ מ ש ו ל ם מ וו אָ ל ט ר ה, אַז זיי באַשעפטיקן זיך מיט מלאכות און מסחר.

זייער אינטערעסאַנט זענען די ידיעות, וועלכע ס׳ברענגט אונז ר׳ ע ו ב ד י ה פ ו ן ב אַ ר ט ע נ ו ר אָ וועגן יידישע האַנטווערקער אויף דעם אינזל ר אָ ד אָ ס: אין אַלגעמיין, גיט ער איבער, איז דאָ די יידישע באַפעלקערונג אַן אָרעמע און דערנערט זיך מיט גרינג־וואַרג, נישט האָבנדיק אויף קיין פלייש און אַפילו נישט אויף קיין ברויט. די מאַנסלייט פערנעמען זיך דאָ — אַזוי ציט ער ווייטער — ס׳רוב מיט ג אַ ר ב ע ר י י און זענען, נישט געקוקט אויף דער מלאכה זייערער, ריין באַקליידט. יידישע פרויען פון ראָדאָס זענען — לויט דעמזעלבן עד־ראיה — געווען באַרימט אַלס ה ע פ ט ע ר ק ע ס און זיי פלעגן צו די שררות פונם לאַנד פאַרקויפן כלערליי קונסט־אויסאַרבעטונגען, ציענדיק דערפון חיונה פאַר זיך און פאַר די מאַנער זייערע.

מען קאָן גרייכלעך אָננעמען, אַז האַנטווערקער און קליינהענדלער האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט דעם רוב בנין־ומנין פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די באַלקאַן־לענדער און אויף די דערביי־איקע אינזלען.

איבער דער ברייטער מאַסע בעלי־מלאכות און קרעמער האָט זיך דערהויבן אַ קליינע שיכט רייכע סוחרים־עקספּאָרטערן און באַנקירן, וואָס האָבן זיך דער עיקר קאָנצענטרירט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל

און אדריאנאפאל, ווי אויך אויף דעם וועגעציאנער אינזל קארפו (משולם מוואלטרה האט דא באגעגנט א סך רייכע נאטאבלען).

צו דעם רייכן שיכט דארפן אויך פאררעכנט ווערן די יידישע דאקטוירים, וועגן וועלכע ס'זענען אונז פארבליבן א פאר קוועלן־ידיעות.

אזוי, א שטייגער, איז באוואוסט, אז דער סולטאן מוראד II (1421—1451) האט געהאט א יידישן לייב־דאקטאר, מיטן נאמען יצחק פאשא. אויך אין הויף פון מוראדס נאכפאלגער, מכמד II האט געווירקט א יידישער דאקטאר און געווען איז עס א ספרדישער ייד, ר' יעקב פון גראנאדא.

אויפן אינזל ראדאס האט ר' עובדיה פון בארטענורא באגעגנט דעם ברודער פון ר' משולמען מוואלטרה, ר' נתנען, וואס האט דארט געווירקט אלס רופא און איז געווען זייער אנגעזען.

די פארמעגנס־דיפערענצירונג צווישן די יידן אין די אייראפעישע מאכט־געביטן פון די טערקן געפינט אן אויסדרוק נישט בלויז אין דעם שפאר ביסל ידיעות וועגן זייערווירטשאפטס־לעבן, נאר אויך אין דעם שטייערן־סיסטעם, וואס איז צו זיי געווען אנגעווענדט דורך טערקישע סולטאנען.

אזוי, א שטייגער, איז אונז באוואוסט, אז דער הויפט־שטייער, וועלכן זיי האבן געמוזט צאלן לטובת די סולטאנען, איז באשטאנען פון א יארלעכן קאפשטייער „כאראדזש" (באש כראגי) און אז מען האט דעמדאזיקן „כאראדזש" געצאלט לויט דריי פארמעגנס־קלאסן: דער רייכער קלאס יידן האט געצאלט צו 40 דראכמעס פונם באשטייערטן קאפ, דער מיטלשטאנד צו 20 דראכמעס און די ארעמע שיכטן בלויז צו 10 דראכמעס פונם קאפ.

מיטן איינציען דעם „כאראדזש" האבן זיך פארנומען פארשטייער פונם רייכן קלאס און א ספעציעלער מלוכה־באאמטער פלעגט זיי קאנטראלירן, צי זיי מאכן נישט קיין מיסברויכן ביים איינטיילן די שטייערצאלער אין שטייערקלאסן.

לויט א פאראָרדנונג פונם סולטאן מאכמעד II (1451—1481), זענען די יידן געווען מחויב צו צאלן נישט בלויז דעם יארלעכן „כאראדזש", נאר אויך א צווייטן שטייער, וועמענס הויך דער סולטאן האט געדארפט באשטימען פארן כלל יידן אין דער מלוכה.

מיטן צונויפשטעלן די איינשאצונגס־ליסטעס, ווי אויך מיטן

איינציען דעם שטייער-קאָנטינגענט האָבן זיך לויט דער פאַראָרדענונג געזאָלט פאַרנעמען די ראשי הקהילות.

פון דעמזעלבן סולטאַן מאַכמעד II איז אויך איינגעאָרדנט גע-וואָרן אַ מין יידישער „האָכמייסטער"-אַמט אין דער מלוכה. אַלס ערשטער האָט די שטעלע פון אַזאַ „האָכמייסטער" אָדער „חכם-באַשי" פאַרנומען דער קאָנסטאַנטינאָפּאָלער רב, ר׳ משה קאַפּסאַלי.

זיין אויפגאַבע איז געווען צו זאָרגן, אַז די שטייערן זאָלן פּינקטלעך און אין געהעריקע סכומים איינגעצאָלט ווערן דורך די קהילות. פּונקט ווי די דייטשע האָכמייסטערס, איז ער אויך געווען דער העכסטער ריכטער אין די אינערלעכע יידישע ענינים און ער האָט געהאַט דעם חוב אויסצונוצן זיין געריכטס-מאַכט אויף צו פאַרזיכערן די שטייערן-הכנסות פונם סולטאַן.

קאַפּיטל ביין און פערציק

דער יידישער אָריענט

(1500—1350)

§ 134 יידישע ישובים אין אַזיע און זייערווירט־שאַפטס־בילד.

אין די צפון־מערבדיקע שטחים פון קליין־אַזיע, וואָס זענען אין דער באַהאַנדלטער תקופה אַריבער צו די טערקן, מערקט זיך אונטער דער ממשלה פון די סולטאַנען אַ געוויסער וואוקס פון די יידישע ישובים. סך־הכל זענען אונז פון 14־טן און 15־טן י״ה באַוואוסט קוים 6 קהילות, וואָס האָבן דעמאָלט עקזיסטירט אין דער אַזיאַטישער טערקיי. די גרעסטע פון זיי איז געווען אין ברוסאַ און זי איז דאָ באַשטאַנען נאָך פון די ביזאַנטישע צייטן. אין אַנגאָראַ, וואָס איז אין י. 1361 דעראָבערט געוואָרן דורך די טערקן, האָט צו יענער צייט געלעבט בלויז אַ הייפעלע יידן.

אין סמירנע האָט זיך אָנגעהויבן צו שאַפן אַ יידישער ישוב ערשט אונטער דער טערקישער ממשלה און דאָסזעלבע איז אויך שייך די קהילות אין טוקאַט, מנגסיאַ און עפעז, וועגן וועלכע ס׳באַ־ווייזן זיך קוועלן־ידיעות ערשט ביים סאַמע סוף פון 15־טן י״ה, ווען עס האָט זיך אין קליין־אַזיע אָנגעשפּאַרט די גרויסע עליה פון ספרדישע גירושים. אַ חוץ די גריכישע יידן, וואָס האָבן אין קליין־אַזיע געלעבט פון קדמונים אָן באַגעגענען מיר אין דער אַזיאַטישער טער־קיי ניי־איינגעוואַנדערטע עלעמענטן פון דער אייראָפּעישער טערקיי, ווי אויך ספרדים פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל.

ביים סוף פון 15-טן י״ה האָט אין ברוסאַ עקזיסטירט, אַ חוץ דער קהילה פון אַלט-איינגעזעסענע גריכישע און ראָמאַניטישע יידן, נאָך אַ באַזונדערע ספּרדישע קהילה, וואָס האָט זיך גערופן „גירוש ספרד״.

מיר באַגעגענען דעמאָלט אויך אין אַנגאָראַ אַ באַזונדערע לאַנדס-מאַנשאַפט פון פּאָרטוגעזישע יידן. די יונגע קהילות אין טוקאַט, מגנסיא און עפּעז זענען געווען אַ שאַפונג פון לויטער ספּרדישע גירושים. אונטער די איינוואַנדערער האָבן זיך אָבער אויך געפונען יידן פונם באַלקאַן-האַלבאינזל, ווי אַ שטייגער, ר׳ י ע ק ב ט י י ט אַ-זאַק פון סאַלאָניקי אָדער ר׳ י צ ח ק ב ן ל י י ב פון מאָנאַסטיר, וועגן וועלכע ס׳וועדט אונז איבערגעגעבן, אַז זיי האָבן זיך ביים סוף פון 15-טן י״ה באַזעצט אין אַנגאָראַ.

וועגן דעם ווירטשאַפטס-לעבן פון די יידן אין דער אַזיאַטישער טערקיי זענען אונז נישט באַוואוסט קיין שום קוועלן-באַריכטן. מיר קאָנען אָבער משער זיין, אַז דאָס יידישע ווירשאַפטס-בילד איז דאָ ענלעך געווען צו דעם שוין געשילדערטן ווירטשאַפטס-בילד אין דער אייראָפּעישער טערקיי.

אַ סך גענויער ווערן מיר דורך די קוועלן אינפאָרמירט וועגן די יידישע ישובים אין ס י ר י ע און פּ אַ ל ע ס ט י נ ע, וואָס זענען אין אונזער תקופה (ביז דעם יאָר 1517) געשטאַנען אונטער דער ממשלה פון עגיפּטן.

אַלס באַדייטנדיקסטער יידישער יישוב אין סיריע ווערט אָנגע-מערקט די אַלטע קהילה אין ד מ ש ק. לויט ווי ס׳דערציילט אונז ר׳ משולם מוואלטרה, האָבן אין זיין צייט (1481) געלעבט אין דמשק 450 יידישע משפּחות; זיי זענען געווען זייער רייך און האָבן זיך מפרנס געווען פון מסחר.

ענלעך גיט אויך איבער ר׳ עובדיה פון באַרטענוראָ, „אַז די יידן אין דמשק זענען — ווי מען הערט — רייכע סוחרים״ (1489).

פון י. 1495 איז אונז אויפגעהיט געוואָרן אַזאַ מין בילד פונם יידישן ישוב אין דמשק: „דמשק איז אַ גרויסע שטאָט מיט ברייטע גאַסן, שיינע הייזער און הויפן און אַ סך ברונימער. עס זענען דאָ פאַראַן 3 קהילות מיט צוזאַמען 500 יידישע משפּחות. די יידן זענען דאָ טיילס ה ע נ ד ל ע ר, וואָס האַנדלען מיט קליידער-שטאָפן און אַנ-דערע סחורות, טיילס ה אַ נ ט וו ע ר ק ע ר. פיל יידן זענען פּ ר אַ-

צענטניקעס: זיי אַנטלייען די ווענעציאַנער אויף זיכערע משכנות און נעמען 24%. טייל יידן לעבן פון רענטעס: זיי לייגן איין זייער געלט אויף צינזן (על הקוט״ימו), און דאָס טראָגט זיי 18%. בכלל איז דמשק — ווי איך האָב געהערט — אַ גוטער אָרט אויף צו פאַרדינען״.

„די ווענעציאַנער — שרייבט דער יידישער רייזנדער פון יאָר 1495 — ברענגען אַריין קיין דמשק און באַרו״ט (ביירוט) גאָלד, זילבער, קופּער, צין, פיינע און גראָבע קליידער-שטאָפן און פירן אַרויס פעפער, אינגבער און אַנדערע בשמים, ווי אויך זייד און קאָרדאָבאַל-לעדער, טיילמאָל אויך איידלשטיינער און פּערל. לויט ווי איך האָב געהערט, באַקומט מען אין דמשק ווייניק איידלשטיינער, דאַקעגן זענען זיי אַ סך פאַראַן אין קאַירא, אַלעקסאַנדריע און ביירוט״.

אין אַ באַריכט פון אַ איטאַליענישן ייד, וואָס איז אין יאָר 1522 געווען אין צפת, לייענען מיר אַזאַ שטעלע וועגן דעם מסחר, וועלכן עס האָבן געפירט די יידן פון דמשק: „צפת איז זייער רייך אין תבואה און אייל און מען עקספּאָרטירט דידאָזיקע פּראָדוקטן קיין דמשק. גאַנץ באַדייטנדיק איז אויך די צאָל יידישע סוחרים, וואָס קומען דאָ אַהער פון דמשק מיט סחורות״. וואַרשיינלעך האָבן דידאָזיקע האַנדלס-באַציונגען מיט פּאַלעסטינע געבליט אויך אין 15-טן י״ה.

עס איז משער צו זיין, אַז די יידן אין דמשק זענען אויך שטאַרק געווען באַטייליקט אינם האַנדל מיטן ווייטן מזרח, ווי אַ שטייגער, מיט פּערסיע, אינדיע און כינע, וואוהין עס פלעגן גרייכן די שליאַכן פונם אָריענט-האַנדל.

נישט איבעריק גרויס איז געווען בעת דער באַהאַנדלטער תקופה די צאָל יידן אין פּאַלעסטינע. ר' משולם מוואָלטרה און ר' עובדיה פון באַרטענורא דערמאָנען אין זייערע רייזע-באַריכטן (פון די יאָרן 1481, 1488 און 1489) וועגן יידישע ישובים אין חברון, ירושלים, צפת און עזה. זיי מערקן אויך אָן אַזעלכע מקומות, ווי בית-לחם, רמה, יריחו און ביתר. זיי פאַרשווייגן אָבער, צי עס האָבן דאָרט געלעבט יידן.

ר' משולם באַמערקט וועגן רמה, אַז ער האָט דאָרט באַגעגנט

ביז 1000 יידן, וואָס זענען עולה-רגל געווען צו די קברים, קומענ-דיק פון מצרים, בבל, דמשק און חלב.

וועגן יריחו, זאָגט ר׳ עובדיה, אַז עס איז אַ קליין דאָרף מיט קוים 20—30 הייזער. אין ביתר האָט ער געפינען אויך נישט מער, ווי לערך 20 הייזער.

אין חברון האָבן, לויט ר׳ משולמען, געלעבט 80 יידישע משפחות. ר׳ עובדיה, וואָס איז געווען אין חברון מיט 7 יאָר שפּעטער, האָט דאָ אָנגעטראָפן בלויז 20 יידישע משפחות.

אין י. 1481, ווען ר׳ משולם איז אָנגעקומען קיין ירושלים, האָט ער דאָרט באַגעגנט אַ יידישן ישוב, וואָס האָט געציילט 250 משפחות.

צוליב אינערלעכע רייבונגען, וועגן וועלכע מיר וועלן נאָך רעדן, האָט זיך אָבער צו יענער צייט אָנגעהויבן אַן אויסוואַנדערונג פון ירושלימער יידן, אַזוי, אַז ר׳ עובדיה האָט אין י. 1488 אָנגע-טראָפן אין ירושלים סך-הכל 70 יידישע משפחות.

אין י. 1495 איז דער ירושלימער ישוב צוריק אָנגעוואַקסן ביז 200 משפחות; אין י. 1522 האָט ער געציילט 300 יידישע משפחות (1570 נפשות).

אַרום דעם סוף פון 15-טן י״ה האָט זיך אויך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען אַ גרעסערער ישוב אין צפת.

אַ יידישער רייזנדער, וואָס איז געווען אין ארץ-ישראל אין י. 1495, האָט אין צפת אָנגעטראָפן אַ ישוב פון 300 יידישע משפחות. דיזעלבע צאָל ווערט אויך איבערגעגעבן פונם אַנאָנימען, איטאַליענישן ייד, וואָס האָט באַזוכט די שטאָט אין י. 1522.

אין עזה-גאַזאַ האָט ר׳ משולם מוואלטרה אין י. 1485 אָנ-געטראָפן אַ יידישן ישוב, וואָס האָט געציילט 60 משפחות. חוצדעם, האָבן דאָ נאָך געלעבט 4 משפחות שומרונים.

וועגן דעם צוזאַמענשטעל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פּאַלעסטינע זענען אונז פאַרבליבן אַ ביסל פּרטים ערשט פונם סאַמע סוף פון 15-טן און פון אָנהויב 16-טן י״ה. עס ווייזט זיך פון זיי אַרויס, אַז די ספרדישע יידן האָבן געלעבט אין ארץ-ישראל אין אַ גרעסערער צאָל, נאָך איידער עס האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע ספרדישע עליהביים סוף מיטלאַלטער. אַזוי, אַ שטייגער, גיט אונז איבער ר׳ עובדיה פון באַרטענורא פון י. 1488, אַז פון די 20 יידי-

שע משפחות, וואָס האָבן דעמאָלט געלעבט אין חברון, איז אַ העלפט באַשטאַנען פון אַנוסים, וואָס זענען דאָרט אָנגעקומען מיט אַ קנאַפּער צייט צוריק.

וועגן דער יידישער באַפעלקערונג אין ירושלים שרייבט דערזעלבער ר׳ עובדיה, אַז זי איז באַשטאַנען פון יידן, וואָס זענען דאָ אָנגעקומען פון „אשכנז, ספרד און פון אַ סך אַנדערע לענדער״.

ביים אָנקומען קיין ירושלים האָט ר׳ עובדיה באַגעגנט איינעם אַן אַשכנזישן יידן, ר׳ קאַפּמאַנאַ, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אין איטאַליע.

אין י. 1495 קומט אָן קיין ירושלים אַ גרופּע ספרדים, פון וועלכע ס׳ווערן דערמאָנט: אַ געוויסער ר׳ יוסף פון סאַראַגאָסאַ, ר׳ דניאל פון בורגאָס, דער זקן ר׳ יקותיאל פון וויגאַסאָלאָ און דאָס ווייב זיינס נאַבילאַ.

אין דערזעלבער צייט האָבן אין די ירושלימער ישיבות געלערנט אַ יונגערמאַן פון מעסינאַ, מיטן נאָמען אברהם, און אַ צווייטער, משה פון בורגאָס.

אַרום י. 1500 האָט איינגעוואַנדערט קיין צפת אַ גרופּע ספרדים פון סיציליע. בראש פון דער גרופּע איז געשטאַנען דער סיציליאַנער ייד, ר׳ יעקב סאַראַגאָסאַ.

אין י. 1522 האָבן אין ירושלים געלעבט 4 באַזונדערע גרופּעס יידן: יידן-אויטאָכטאָנען, וואָס האָבן גערעדט אויף אַראַביש, יידן פון צפון-אַפריקע, אַשכנזים און ספרדים.

דיווירטשאַפטלעכע לאַגע פון די יידן אין ארץ-ישראל איז אין דער צייט פון ר׳ משולם און ר׳ עובדיה געווען אַ קלאָגעדיקע ביז גאָר.

וועגן די לערך 70 יידישע משפחות, וועלכע ר׳ עובדיה האָט אָנגעטראָפן אין ירושלים, דערציילט ער, אַז זיי האָבן באַלאַנגט צום סאַמע אָרעמסטן שיכט. „ווער עס האָט פון זיי ברויט אויף אַ גאַנץ יאָר, דער ווערט געהאַלטן פאַר אַן עושר״.

וועגן די פּרנסות אין ירושלים ווייסט ער צו דערציילן: „אין ירושלים איז נישט מעגלעך צו ציען חיונה פון וויסנשאַפט אָדער קונסט; מען קאָן זיך דאָ מפרנס זיין בלויז פון אַזעלכע מלאכות, ווי שוסטעריי, וועבעריי אָדער גאָלדשמידעריי, אָבער אויך דידאָזיקע מלאכות גיבן קוים אויף ברויט״.

פון ר׳ עובדיהס אַ באַמערקונג, אַז די ירושלימער יידן האָבן געמוזט צאָלן אַ ווײַן-שטייער (50 דוקאַטן יאָרלעך) איז משער צו זיין, אַז זיי האָבן אַ חוץ מלאכות געטריבן אויך אַ מסחר מיט ווײַן-סאָרטן.

אין ענלעכע פאַרבן שילדערט די ווירטשאַפטס-לאַגע פונם ירושלימער ישוב אַן אַנאָנימער ייד, וואָס איז געווען אין ארץ-ישראל אין י. 1495: „די לייט אין ירושלים — שרייבט ער אין זיין רייזע-באַריכט — גיבן אַ סך צדקה, הגם זיי זענען אַליין אָרעם... דאָ, אין ירושלים איז זייער שווער אַרויסצובאַקומען חיונה. איז מען אַ האַנט-ווערקער, אַ שטייגער, אַ גאָלדשמיד, אַ קאָוואַל, אַ וועבער אָדער אַ שניידער, קאָן מען נאָך פאַרדינען אויף צו דערנערן זיך... צום בעסטן קאָן דאָ פאַרדינען אַ גאָלדשמיד".

אין חברון האָבן זיך די יידן — לויט עובדיהס באַריכט — באַשעפטיקט מיט לאַנדווירטשאַפט: זיי האָבן געהאַט וויינבערג און אייל-ביימער.

צום אויספירלעכסטן זענען מיר אינפאָרמירט וועגן דער לאַגע אין צפת און „בכלל אין גליל". „אין צפת, אינם דאָרף כי"נה און בכלל אין גליל, — שרייבט ר׳ עובדיה אין זיין צווייטן בריוו פון י. 1489 — לעבן די יידן פרידלעך מיט די אַראַבער. ס׳רוב זענען דאָ די יידן זייער אָרעם און זיי דערנערן זיך פון פעדלערײַ (קליין-האַנדל). פאַראַן אַ סך אַזעלכע, וואָס וואַלגערן זיך איבער די פעלדער און זוכן דאָרט אַבי וואָס צו עסן".

דערפרייַלעכער איז דאָס בילד אין דער צייט פון דער גרויסער ספרדישער עליה ביים איבערברוך פון 15-טן און 16-טן י"ה.

דער אַנאָנימער ייד, וואָס איז געווען אין ארץ-ישראל אין י. 1495, שרייבט וועגן די צפתער יידן: „ס׳רוב האָבן דאָ די יידן געהאַנדלט מיט בשמים, קעז, אייל, גרינוואַרג און אויבסט. איך האָב געהערט, אַז פון אַזאַ געוועלבל קאָנען זיך ביי אַ קאַפּיטאַל פון 25 דוקאַטן מפרנס זיין 5 נפשות. די לעבנסמיטלען זענען דאָ בכלל זייער ביליק. דער געלערנטער ר׳ פרץ קאָלובאָ, וואָס איז רב פון דער קהילה, ... באַקומט אַ יאָרלעכן געהאַלט, וועמענס גרויס עס איז מיר נישט באַוואוסט, און ער האַלט אַ געוועלבל מיט שפייז-אַרטיקלען".

לויט דעם באַריכט פונם אַנאָנימען, איטאַליענישן ייד, וואָס איז געווען אין צפת אין י. 1522, האָבן זיך די דאָרטיקע יידן פאַרנומען

מיט עקספּאָרטירן לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן פון אויבער-גליל קיין דמשק, וואָס איז דעמאָלט געווען דער ברענפּונקט פונם יידישן מסחר אין סיריע.

דערזעלבער אַנאָנימער ייד גיט אונז אויך איבער אייניקע אינ-טערעסאַנטע פּרטים וועגן יידישע מלאכות, וואָס האָבן דעמאָלט גע-בליט אין ארץ-ישראל.

„אין פּאַלעסטינע — שרייבט ער — זענען אַמייסטן פאַראַן פאַלגנלדיקע 4 מינים יידישע האַנטווערקער: וועבער, גאָלד-שמידן, שוסטער און גאַרבער. פאַראַן אויך אַ געוויסע צאָל (יידישע) סטאָליאַרס. ווער עס איז גענוג קרעפטיק, קאָן געפינען פּרנסה אַלס לוין-אַרבעטער. אויך שניידער קאָנען דאָ גענוג פאַרדינען אויף צו דערנערן זיך".

אין עזה (גאַזאַ) האָבן זיך די יידן — לויטן באַריכט פון ר' משולם מוואלטרה — פאַרנומען מיט לאַנדווירטשאַפט און מלאכה. זיי האָבן געהאַט אייגענע אַקער-פעלדער און וויין-גערטנער.

דאָס בילד פון די יידישע ישובים אין ארץ-ישראל איז נאָך כּדאַי צו דערגאַנצן מיט אַ פּאָר פּרטים וועגן דעם שטייער-וועזן און וועגן אינערלעכע רייבונגען, וואָס פלעגן פאָרקומען צווישן די ארץ-ישראל-יידן אין צוזאַמענהאַנג מיטן שטייער-דרוק.

מיר געפינען די פּרטים אין ר' עובדיהס צוויי פאַרבליבענע בריוו (פון די יאָרן 1488 און 1489). „די יידן פון ירושלים—שרייבט ר' עובדיה — מוזן יעדעס יאָר איינצאָלן אַ קאָפּ-שטייער, וואָס באַ-טרעפט צו 32 זילבערשטיק פון אַ קאָפּ. דעם קאָפּ-שטייער מוז צאָלן סיי דער רייכער, סיי דער אָרעמאַן. מען נעמט אים פון יעדערן, חוץ קינדער. דעם גובערנאַטאָר פון ירושלים מוז מען צאָלן 50 דו-קאַטן יאָרלעך פאַר דער דערלויבעניש אויסצואַרבעטן וויין-סאָרטן. דאָס זענען די שטייערן, וועלכע די יידן מוזן דאָ צאָלן".

„פריער האָבן די יידן (פון ירושלים) געמוזט איינצאָלן יעדעס יאָר 400 דוקאַטן לטובת דעם הערשער. דערביי איז לגמרי נישט גענומען געוואָרן אין אַכט די גרויס פון דער יידישער באַפעלקערונג, אַזוי, אַז אַלע האָבן געמוזט צאָלן. איצט באַצאָלט איעדער זיין קאָפּ-שטייער און ער איז פּטור פון צו צאָלן פאַר אַ צווייטן".

מיטן איינמאָנען די שטייערן האָבן זיך פאַרנומען די ראשי-הקהילה. „די אַלטע ראשי-הקהילה—גיט איבער ר' עובדיה ווייטער —

האָבן דערביי אַרויסגעוויזן אַזאַ רציחה, אַז זיי פלעגן יעדע וואָר צורעכענען צו די שטייער־סכומים נייע צולאָגן און צושטייערן און צווינגען די באַשטייערטע, אַז זיי זאָלן דאָס צאָלן. טרעפט איינער, וואָס וויל נישט צאָלן, ווערט ער פון דעם נישט־יידישן געריכט אַזוי לאַנג געשלאָגן, ביז ער איז מסכים (צו צאָלן)".

ווען ר׳ עובדיה האָט זיך נאָך געפונען אויפן וועג קיין ארץ־ישראל און ער האָט זיך אויפגעהאַלטן אין קאַירא, האָט אים דער דאָרטיקער נגיד, ר׳ נתן הכהן געעצהט, אַז ער זאָל נישט פאָרן קיין ירושלים, וואָרים „אַלע יידן, וואָס האָבן געלעבט אין ירושלים, לערך 300 משפחות די צאָל, האָבן געמוזט נעלם ווערן פון דער שטאָט, און געשען איז דאָס צוליב די שטייערן און לאַסטן, מיט וועלכע עס האָבן זיי געדריקט די ראשי־הקהילה. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז עס זענען אין ירושלים געבליבן בלויז אָרעמעלייט און פרויען... די ראשי האָבן זיך נישט צוריקגעהאַלטן פון אַזעלכע מעשים, ווי צו פאַרקויפן צו קריסטן ספרי־תורות, פרוכתן, אתרוגים און בכלל דאָס גאַנצע זילבער־ און גאָלד־וואַרג, וואָס איז געווען אין ירושלימער שולן, און צו לאָזן דאָס אַרויספירן אין פרעמדע לענדער. נאָכמער: זיי האָבן אַפילו פאַרקויפט די תלמוד־עקזעמפּליאַרן און קאָמענטאַרן, וואָס זענען פאַר די ירושלימער ישיבות איינגעקויפט געוואָרן דורך די אַשכּנזים, אַזוי, אַז עס איז נישט געבליבן קיין שום זאַך, וואָס זאָל האָבן אַ ווערט".

ווען ר׳ עובדיה איז, נישט געקוקט דערויף, פאָרט געפאָרן קיין ירושלים, האָט ער דאָ באַגעגנט אַ קליינע קהילה פון קוים 70 משפחות, וואָס „עס זענען אויף איין מאַן אויסגעפאַלן 7 ווייבער". די פאַרהעלטענישן, אויף וועלכע ער האָט אָנגעטראָפן, זענען געווען רואיקערע, וואָרים די ראשי־הקהילה האָבן איינגעזען (די שלעכטע ווירקונג פונם שטייער־דרוק), אַז די פאַרמעגלעכע וואַנדערן אויס און עס בלייבן בלויז אָרעמעלייט".

מיר פאַרלאָזן קליין־אַזיע און פאַרקלייבן זיך אין וויטן אַזיאַטישן מזרח. ליידער, פעלן אונז פאַר דער באַהאַנדלטער תקופה אַזעלכע אינפאָרמאַטיווע קוועלן, ווי, אַ שטייגער, די באַרימטע רייזע־באַשרייבונגען פון ר׳ בנימין פון טודעלאַ אָדער פון ר׳ פתחיהן פון רעגענסבורג, וואָס האָבן אַזוי אויספירלעך געשילדערט די לאַגע פון די יידן אין וויטן מזרח ביים סוף פון 12־טן י״ה.

דער מאַטעריאַל, מיט וועלכן מיר קאָנען זיך איצט באַנוצן, באַשטייט פון צופעליקע שפּליטער און ער קאָן אונז לגמרי נישט באַפרידיקן.

מיר גיבן דאָ אַ פּאָר אַזעלכע מער אינטערעסאַנטע און כאַראַקטעריסטישע קוועלן-שפּליטער:

די געשיכטע פון די יידן אין בבל און פּערסיע בעת דעם 14-טן און 15-טן י"ה איז נאָך לגמרי נישט אויסגעפאָרשט. די איינציקע שפּור פון באַבילאָנישע יידן, וועלכע מיר האָבן געקאָנט אויפזוכן פון דער באַהאַנדלטער תקופה, איז אַ באַמערקונג אינם בריוו פון ר' משולם מוואָלטרה (1485), אַז די יידן פון בבל פלעגן עולה רגל זיין קיין רמה, נישט ווייט פון ירושלים.

אין איינעם פון די צוויי פאַרבליבענע בריוו פון ר' עובדיהן (דהיינו, אינם בריוו פונם י. 1488) איז אונז פאַרבליבן אַ ידיעה וועגן יידישע שבטים אינם אַראַבישן מדבר, וואָס האָבן געלעבט לויטן שטייגער פון בעדואינער, מאַכענדיק באַוואָפנטע איבערפאַלן.

ר' עובדיה דערציילט אונז אויך וועגן יידן פון עדן-אַדען (אויפן דרום-ברעג פונם אַראַבישן האַלב-אינזל), וואָס פלעגן עולה רגל זיין קיין ירושלים.

„דידאָזיקע לייט — שרייבט ר' עובדיה וועגן די אַדענער יידן — האָבן דאָ (אין ירושלים) אויסגעזען זייער געהיימנישפול. זיי האָבן דערציילט, אַז אין יענע מקומות זענען פאַראַן אַ סך גרויסע, יידישע ישובים און אַז עס הערשט דאָרט אַן אַראַבישער קעניג, וואָס איז זייער גוט צו יידן. די מדינה איז דאָרט אומגעהייער גרויס און שיין און עס וואַקסן אין איר אַ סך פּרעכטיקע פּירות, וואָס אַזעלכע געפינט מען נישט ביי אונז... זיי פאַרזייען אין חודש אדר און נעמען אַראָפּ דעם שניט אין חודש כסלו. די רעגן-צייט איז דאָרט פון פּסח ביז אָב... די לייט זענען דאָרט טונקל-ברוין".

אינם בריטישן מוזיי געפינען זיך אַ פּאָר יידישע מצבות פון אַדען, וואָס שטאַמען פון די יאָרן 1310 און 1317.

אין יאָר 1503 האָט דון יצחק אַברבנאל באַקומען אַ ידיעה פון פּאָרטוגעזער רייזנדער, וואָס זענען אָנגעקומען קיין איטאַליע פון אַ ווייטער אָריענט-רייזע, אַז אין אינדיע געפינען זיך יידישע ישובים.

וועגן איינעם אַ פּוילישן יידן, וואָס איז פאַרוואָרפן געוואָרן אַזש קיין אינדיע, דערציילן אונז די טאָגביכער פון דעם באַרימטן אַדמיראַל וואַסקאָ דאַ גאַמאַ, וואָס האָט אין אינדיע געגרינ־דעט קאָלאָניעס פאַר פּאָרטוגאַל.

ווען וואַסקאָ דאַ גאַמאַ איז אָנגעקומען קיין קאַלקוטע אויפן ברעג פון מאַלאַבאַר, האָט ער באַגעגנט אַ יידן, וואָס האָט גוט גע־רעדט אויף איטאַליעניש.

דער ייד, וואָס איז מיט אַ סך יאָרן צוריק פאַרקויפט געוואָרן קיין אינדיע אַלס שקלאַף, האָט אין דער צייט פון דעם באַגעגעניש מיטן פּאָרטוגעזער אַדמיראַל פאַרנומען אַ שטעלע פון אַ הויף־מענטש ביים גובערנאַטאָר פון דער האַנדלס־שטאָט גאָאַ. דער ייד האָט דערציילט דעם אַדמיראַל, אַז ער שטאַמט פון פּוילן.

אַרום דער העלפט פונם 15־טן י״ה, ווען עס האָט אין פּוילן געבושעוועט דער פינסטערער מאָנאַך קאַפּיסטראַנאָ און דער קעניג האָט פאַראָרדנט אַן אַלגעמיינעם גירוש פון יידן, האָבן זיינע עלטערן אויסגעוואַנדערט פון דער מדינה און זיי האָבן זיך אַריבערגעפּעקלט קיין אַלעקסאַנדריע. דאָרט האָט ער פאַרבראַכט זיין יוגנט. פון אַלעקסאַנדריע האָט ער שפּעטער געפירט האַנדלס־געשעפטן קיין אינדיע, ביז עס האָט אים אַמאָל בעת אַ נסיעה געטראָפן דאָס אומגליק, אַז מען האָט אים גע־נומען געפאַנגען און פאַרקויפט פאַר אַ שקלאַף.

דער ייד איז דורך וואַסקאָ דאַ גאַמאַ פאַרנאַרט געוואָרן אויף איינעם פון זיינע שיפן און ער איז דאָן אָפּגעשמדט געוואָרן אויפן נאָמען גאַספּאַר דאַ גאַמאַ. אונטערן דאָזיקן נאָמען האָט ער זיך שפּעטער קונה שם געווען אַלס רייזנדער און אַנטדעקער פון נייע ים־וועגן.

מיר האָבן עטוואָס אויספירלעכער געבראַכט די פּרטים פון גאַספּאַר דאַ גאַמאַס לעבנס־געשיכטע נישט אַזוי ווייט צוליב דער אויסטערלישקייט זייערער, ווי צוליב זייער באַדייטונג פאַר אַ וויכ־טיקערווירטשאַפטס־געשיכטלעכער פעסטשטעלונג.

גאַספּאַרס דערציילונג וועגן זיינע האַנדלס־נסיעות פון אַלעק־סאַנדריע קיין אינדיע באַווייזט אונז, אַז דער האַנדל צווישן מצרים און אינדיע, אין וועלכן די יידן האָבן געשפּילט אַ ראָלע סיי אין דער צייט פון די ראַדאַניטן, סיי אין דער צייט פון רמב״ם (פאַר־

גלייך 53 § פונם דאָזיקן בוך), האָט נישט אויפגעהערט צו בליען ביזן סאַמע סוף פונם מיטלאַלטער און אַז יידן זענען אינם דאָזיקן מסחר, פונקט ווי פריער, געווען באַטייליקט. ס'ווייזט אויס, אַז די יידישע ישובים, וואָס האָבן זיך אַנטוויקלט אין אינדיע, זענען בכלל געווען אַ פּראָדוקט פון דידאָזיקע האַנדלס-באַציונגען.

אַן אינטערעסאַנטע ידיעה וועגן דעם אינדיש-מצרישן האַנדל באַגעגענען מיר אויך אין דעם בריוו פון ר' עובדיה פון באַרטענוראָ פונם י. 1488. ער דערציילט אונז, אַז קיין קאַיראָ קומען אָן צווישן אַנדערע האַנדלס-לייט אויך סוחרים פון אינדיע, וואָס פאַרקויפן דאָ זייערע סחורות, דהיינו, בשמים, פּערל און איידלשטיינער און וואָס קויפן דערפאַר איין סחורות, וועלכע ווערן אַהערגעבראַכט פון פראַנקרייך, דייטשלאַנד און איטאַליע.

פון אינדיע און פּערסיע איז לויט די אויספאָרשונגען פון ב ע ר ט אָ ל ד ל אַ ו פ ע ר געגאַנגען אַ יידישע וואַנדערונג קיין כ י נ ע, דעם ענדציל פון אַלע אָריענט-סוחרים.

לויט די באַריכטן פונם 13-טן און 14-טן י"ה, ביי וועלכע מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אינם 51 § פונם דאָזיקן בוך, האָט דעמאָלט עקזיסטירט אַ יידישער ישוב אין דער כינעזישער האַנדלס-שטאָט ק י נ ס אַ י (האַנגכאַו).

אויס דער צווייטער העלפט פונם 15-טן י"ה איז אונז אויפגע-היט געוואָרן אַ ידיעה וועגן אַ צווייטן יידישן ישוב אין כינע, דהיינו, וועגן אַ יידישער קאָלאָניע אין נ י נ ג פּ אָ.

פאַראַן באַווייזן, אַז עס האָט דעמאָלט אויך עקזיסטירט אַ יידישער ישוב אין דער כינעזישער שטאָט ק ה אַ י - פ ו נ ג - פ אָ אָ. אין דער אַלטער שול פונם דאָזיקן ישוב זענען, נעמלעך, פאַרבליבן אויפשריפטן פון די יאָרן 1489 און 1512.

אין דערזעלבער שול זענען אויך פאַרבליבן העברעישע מאַ-נוסקריפּטן, וואָס אַנטהאַלטן אַ שפּאָר ביסל פ ע ר ס י ש ע ווערטער אין אַ טראַנסקריפּציע מיט העברעישע אותיות. אַ ראַיה, אַז די מאַ-נוסקריפּטן זענען דאָ אַהערגעקומען צוזאַמען מיט די יידן פון פּערסיע.

ווי ס'ווייזט אויס, האָבן די יידן אין כינע, ענלעך, ווי אין דער עלטערער תקופה, אויך אין דער באַהאַנדלטער צייט געלעבט פון מסחר, זייד-וועבעריי און פלאַנטאַציע-ווירטשאַפט.

135 § יידישע ישובים אין עגיפטן און זייער ווירטשאַפטס-לעבן.

אין דער באַהאַנדלטער תקופה האָבן זיי מיט זיך פאָרגעשטעלט א וויכטיקן טייל פונם „יידישן אָריענט".

ר' משולם דאַ וואָלטערא און ר' עובדיה פון באַרטענוראָ, וועלכע מיר האָבן געהאַט צו פאַרדאַנקען אַ גרויסן סכום אינפאָרמאַציעס וועגן דער „יידישער אַזיע" בעת דער צווייטער העלפט פונם 15-טן י"ה, זענען אונזערע הויפּט-אינפאָרמאַטאָרן אויך בנוגע דעם „יידישן עגיפּטן". דורך זייערע שילדערונגען ווארפן זיך דורך פאָלגנדיקע צוויי עיקר-שטריכן, וואָס האָבן אַ באַדייטונג פאַר אונזער ווירטשאַפטס-געשיכטלעכער פאָרשונג: 1. אַן אומגעהייערער שטייער-דרוק, וועלכן עס האָבן לגבי די יידן אָנגעווענדט די הערשער פון דער מאַמעלוקן-דינאַסטיע; 2. אַ צוריקגאַנג פון יידישע ישובים, הגם זיי האָבן זיך געפונען אין די סאַמע וויכטיקסטע פאַרבינדונגס-פונקטן פונם אָריענט-האַנדל.

אַן אינטערעסאַנטע אילוסטראַציע פאַרן שטייערדרוק, אונטער וועלכן די עגיפּטישע יידן האָבן געהאַט צו ליידן, ברענגט אונז ר' עובדיה: ער דערציילט, אַז בעת זיין אויפהאַלט אין קאַיראָ האָבן די דאָרטיקע יידן געמוזט צונויפקלייבן צווישן זיך אַן אומגעהייערע סומע פון 75.000 גאָלדשטיק, מחמת אַזאַ שטייער-סכום האָט פון זיי פאַרלאַנגט דער מיצרישער הערשער, וואָס האָט דעמאָלט געהאַלטן מלחמה מיט די טערקן.

פאַרן צושטעלן דעם שטייער-סכום איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך דער יידישער נ ג י ד, וואָס איז דורכן הערשער געווען באַרעכטיקט צו רודפן די ווידערשפּעניקע שטייערצאָלער מיט פלערליי לייב- און געלט-שטראָפן, אָדער מיט תפיסה.

דער צווייטער שטריך, וועלכן מיר האָבן אָנגעמערקט, ווערט אילוסטרירט דורך אַ ריי פּרטים וועגן יידישע ישובים אין עגיפּטן, וועלכע מיר געפינען ביי די צוויי דערמאָנטע יידן—עולה-רגלניקעס, ווי אויך ביים אַראַבישן שרייבער מאַקריזי.

פון ר' משולמס שילדערונג דרינגט אַרויס, אַז ביים אָנהויב פון 15-טן י"ה האָט דער גרעסטער יידישער ישוב געבליט אין אַ ל ע ק ס אַ נ ד ר י ע.

ר׳ משולם, וואָס האָט באַזוכט אַלעקסאַנדריע אין י. 1485, האָט דאָ געטראָפן אַלטע יידן, וואָס האָבן נאָך געהאַט אין זכרון יענע צייטן, ווען אין דער שטאָט האָבן געלעבט 4.000 יידישע משפחות, דהיינו, ביז 20.000 נפשות.

ר׳ משולם דערמאָנט וועגן דעם, ווי וועגן אַ קאָנטראַסט צו דער לאַגע, וועלכע ער האָט אָנגעטראָפן בעת זיין אויפהאַלט אין אַלעקסאַנדריע.

פון דעם אַמאָל בליענדיקן ישוב איז אין זיין צייט איבערגע־בליבן אַ קליינע קהילה, וואָס האָט — לויט זיינער אַן אינפאָרמאַציע — געציילט קוים 60 יידישע משפחות. אָבער אויך דידאָזיקע 60 משפחות זענען געווען אין אַ צושטאַנד פון „גרייטן זיך אין וועג אריין״. אַ ראַיה, אַז ר׳ עובדיה, וואָס האָט באַזוכט אַלעקסאַנדריע מיט 3 יאָר שפּעטער, ווי ר׳ משולם, האָט דאָ פון די 60 משפחות אָנגעטראָפן נישט מער, ווי 25.

דער גרויסער ישוב אין אַלעקסאַנדריע איז, אַלזוי, אין משך פון אייניקע יאָרצענדליקע כמעט ווי אָפּגעמעקט געוואָרן פון דער פּלאַן.

אַ געוויסער צוריקגאַנג לאָזט זיך אויך מערקן אין דער אַנט־וויקלונג פונם צווייטן גרויסן ישוב, וואָס האָט עקזיסטירט אין ק אַ י ר אָ ־ פ אָ ר ש ט אַ ט.

לויט מאַקריזי זענען דאָ אין דער ערשטער העלפט פונם 15־טן י״ה געווען 12 שולן: 9 שולן פון רבנים, 2 פון קראים און איין שומרונים. אַ ראַיה, אַז דער ישוב איז געווען זייער אַן אָנזעעוודיקער. אַזעלכער איז ער אויך געבליבן אין דער צווייטער העלפט פון 15־טן י״ה, הגם עס האָבן זיך דעמאָלט אָנגעהויבן פון אים אָפּברעקלען געוויסע גרויסע טיילן.

